217

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY
CIRCULATED ALL OVER CANADA AND ABROAD

2 סענט

VOLUME IV. No. 1885 | Toronto Monday September 3 1917 | ט״ז אלול פרשה תבא תרע״ז | מאנטאג דער 3-טער סעפּ. 1917 | PRICE : TWO CENTS

דייטשע זענען אריבער די דווינא אויפ'ן וועג צו ריגא

נאך א פארבערייטונג פון צוויי וואכען זענען די דייטשען אריבער די דווינא און געפינען זיך ניט מעהר ווי 15 מייל פון ריגא.—האבען ארומגערינגעלט די שטאדט פון דריי זייטען

ענגלענדער זינקען דייטשע מיין רייניגער

5 איטאליענישע לופט שיפען האבען באמבארדירט וויען

לאנדאן סעפּ. 2

מיט א געוואלדיגער מאכט קלאפען די דייטשען אין די טויערען פון ריגא.

דער גרויסער רוסישער פארט און ארסענאל פון באלטישען ים איז יעצט ארומגערינגעלט פון דריי זייטען, פון מערב אויף דער טייך באביט, דרום מערב ארום מיטו און דרום מזרח אויף דער גאנצער לענג פונ'ם מזרח ברעג פון דער דווינא. ארום פופצעהן מייל פון שטאדט

אינ'ם ראיאן פון דער דווינא האבען די דייטשען נאך א לאנג פארבערייטונגען און פארביסענעם קאמפף געוואנען די באפעסטיגטע בריקען פון אוסקול און זענען אריבער די דווינא. און האבען זיך גענומען צו צפון.

די רוסען האבען דארטען געמאכט איינינע קאנטער אטאקעס אבער זיי האבען די דייטשען ניט געקענט צוריקהאלטען.

ארום צוואנציג מייל דרום מערב פון ריגא האבען די דייטשען אנגעפאנגען א נייע אפענסיווע אויף דער אייזענבאהן ליניע וועלכע ציהט זיך פון מיטו צום ריגאר פארט. די שלאכטען ווערען דארטען פארגעזעצט.

זיי האבען זיך פארבערייטעט

די דייטשען האבען געמאכט פארבערייטונגען פאר דער אטאקע אויף ריגא שוין פאר די לעצטע צוויי וואכען. זיי האבען די ריגער בוכטע באמבארדירט מיט קריגס שיפען, לופט שיפען, טארפידא שיפען און סובמארינס. זיי האבען דאס אלעס פארבערייטעט פאר דער נייער אפענסיווע. און ווי עס זעהט עס איז זיי דאס געלונגען.

עס איז קיין צווייפעל אז ריגא איז פאר דייטשען א וויכטיגער סטראטעגישער פונקט סיי פאר פינלאנד און סיי פאר דער רוסישער הויפט שטאדט פעטראגראד.

דער אפיציעלער רוסישער באריכט וועלכער איז פארעפענטליכט געווארען פונ'ם קריגס אפיס לעזט זיך ווי פאלגט:

מערב פראנט:

נאך א שטארקער ארטילעריע פארבערייטונג זענען די דייטשען געגאנגען אריבער די דווינא אינ'ם ראיאן פון אוסקול דרום מזרח פון ריגא האבען פארנומען קופפערמאמער. האבען זיך גענומען דער דירעקציאן פון צפון. אונזערע סאלדאטען האבען געמאכט איינינע קאנטער אטאקעס אבער אהן וועלכען עס איז ערפאלג.

די דייטשען האבען היינט אויך באנייט זייער אפענסיווע אינ'ם ראיאן פון מיטו. די שלאכט ווערט פארגעזעצט.

אין דער דירעקציע פון קאוועל אינ'ם ראיאן פון "וועליקי קוקהארי". האבען די דייטשען אטאקירט אונזערע פאזיציעס מיט גיפטיגע גאזען און האבען דערנאך געמאכט אן אינפאנטעריע אטאקע. די אטאקע איז אבער ניט געווען קיין ערפאלגרייכע זיי זענען צוריקגעשטויסען געווארען פון אונזערע רעזערווען וועלכע זענען אנגעקומען אין יענעם געגנד.

אין דער דירעקציאן פון וולאדימיר וואלינסק האבען די דייטשען אטאקירט אונזערע פאזיציעס מיט כעמישע שארפנעלען עס איז זיי געלונגען צו פארנעהמען אונזערע טרענטשעס אבער זיי זענען גאנץ שנעל פון דארטען פארטריבען געווארען נאכדעם ווי אונזערע סאלדאטען האבען געמאכט א קאנטער אטאקע.

בעסער אויפ'ן רומענישען פראנט

אויפ'ן רומענישען פראנט זאגט ווייטער דער באריכט אין דער דירעקציאן פון פעקאני האבען די דייטשען מיט די עסטרייכער אטאקירט איינינע געגענדען פון אונזערע פאזיציעס צפון און צפון מזרח פון אירעשטי זיי האבען אבער ניט געהאט קיין ערפאלג.

נעכטען האט דער שונא נאך א לאנגער ארטילעריע פארבערייטונג ווידער אמאהל אטאקירט די פאזיציעס אינ'ם זעלבען געגענד אבער דער שונא איז ניט נאר ניט געווען ערפאלגרייך פארקעהרט אונזערע סאלדאטען האבען פארנומען א גרויסע צאהל קריגס געפאנגענע חוץ די גרויסע פארלוסטען וועלכע דער שונא האט געהאט.

5 הונדערט פאסאזשירען גערעטעט פון א פראנצויזישער שיף

שיף זינקט נאך א צוזאמענשטויס. אלע פאסאזשירען גערעטעט

פאריז סעפּ. 2

פינף הונדערט פאסאזשירען זענען גערעטעט געווארען פון דער פראנצויזישער שיף "נאטאל" וועלכע איז געזונקען אין א צוזאמענשטויס מיט אן אנדער שיף פינף מייל פון מארסעיל לעצטען דאנערשטאג אווענד.

די "נאטאל" איז געווען פון 4012 טאן און דער אונגליק האט פאסירט עטליכע שטונדען נאכדעם ווי זי האט פארלאזען דעם פארט פון מארסעיל.

ארום דעם גאנצען געגענד האט מען זיך גלייך דערוואוסט וועגען דעם אונגליק און בלויז א דאנק דער שנעלער און טיכטיגער ארבייט פון די שיפען וועלכע זענען געקומען צו הילף דער געזונקענער שיף איז קיין איין לעבען ניט פארלוירען געגאנגען. אלע פאסאזשירען און מאטראזען זענען גערעטעט געווארען.

די אורזאכע פונ'ם צוזאמענשטויס און וואס דערצו האט געפיהרט איז ניט באקאנט.

דורך דער נאכט זענען אלע פאסאזשירען געבראכט געווארען צוריק אין פארט

שענקט א גרויסע נדבה

וואשינגטאן סעפּ. 2

דער רויטער קרייץ קאונסיל האט אנאנסירט דאס הענרי פארד, דער מיליאנער אייגענטימער פון דער פארד אויטאמאביל קאמפאניע פון דעטראיט. האט באוויליגט א קרעדיט פאר'ן רויטען קרייץ אויף דער סומע פון א האלבען מיליאן דאלאר. דער קאונסיל קען זיך באנוצען מיט די סחורות וואס זיי קענען באקומען אין זיינע פאבריקען זיי קענען דארט נעהמען גאנצע אויטאמאבילען אדער די פארשידענע טיילען פון אויטאמאבילען וואס זיי דארפען צו זייערע אמבולאנסען.

שיקט געלד
— דורך —
מר. ה. וויינבערג
פרעזידענט פון אידישען זשורנאל.
לויט'ן טאגעס קורס
געלד געשיקט אויך טעלעגראפיש
נאך אלע וועלט טהיילען

אנטי קאנסקריפשאניסטען בארויבען א געוועהר סטאר

ברעכען איין א פענסטער פון א אידישער סטאר און נעהמען ארויס צוועלף ביקסען

)::(

מאנטרעאל סעפּ. 2

די אנטי-קאנסקריפשאניסטען אין מאנטריאל געהן שוין אריבער אלע גרענעצען פון געזעצליכער אנשטענדיגקייט, טהוען אלעס זיך ניט אפשטעלענדיג פאר קיין זאך וועלענדיג ארויסווייזען זייער געגנערשאפט צו קאנסקריפשאן.

שבת נאכט איז ווידער געווען אן אנטי קאנסקריפשאן פאראד אבער אנשטאט דעם זיי זאלען פרידליך פאראדירען איבער די גאסען. האבען זיי זיך מיט דער דעמאנסטראציע ניט צופרידענגעשטעלט, זיי זענען באפאלען די "סעקאנד הענד" סטאר פון אלעקסאנדער לעווין האבען צובראכען די גרויסע גלאז פון פענסטער און האבען ארויסגענומען א טוצען ביקסען.

א גאנצער סקוואד פאליס-לייט האבען מיט בלאנקע רעוואלווערן געצוואונגען די דעמאנסטראנטען אבצוגעבען דאס געוועהר.

צוויי אינגלאך איינער 18 יאהר אלט דער צווייטער 22 זענען ארעסטירט געווארען.

לעווינס סטאר געפינט זיך אין 437 סאנט דזשיימס סטריט.

צו קיין גרויסען רייאט איז עס ניט געקומען.

טערקיי צופריעדען מיט'ן פאפסט'ס פארשלאג

)::(

קאפענהאגען סעפּ. 2

טעלעגראמען וועלכע זענען דא ערהאלטען געווארען פון קאנסטאנטינאפאל מעלדען אז די טערקישע רעגירונג איז שטארק צופריעדען מיט'ן פאפסט'ס פריעדענס פארשלאג און דער ענטפער וועט זיין א זעהר צופריעדענשטעלענדער.

דער ענטפער וועט פון דער טערקישער רעגירונג ארויסגעשיקט ווערען די טעג גלייך מיט די ענטפערס פון די איבריגע צענטראלע מעכטע.

ענגלענדער זיגען אין א שלאכט ארום יוטלאנד

פארניכטען פיער דייטשע מיין רייניגער — לופט שיפען און סובמארינס נעהמען אן איינטהייל אין דער שלאכט

לאנדאן סעפּ. 2

פיער דייטשע מיין רייניגער זענען היינט פארניכטעט געווארען ניט ווייט פון די יוטלאנד ברעגען פון ענגלישע לייכטע קריגס שיפען אזוי האט היינט אפיציעל אנאנסירט די ענגלישע אדמיראליטעט.

דער סטייטמענט לעזט זיך ווי פאלגט:

אונזערע לייכטע קריגס שיפען וועלכע געפינען זיך ניט ווייט פון די יוטלאנד ברעגען (דענמארק) האבען היינט פריה פארניכטעט פיער דייטשע מיין רייניגער שיפען.

א טעלעגראמע פון קאפענהאגען מעלדעט:

א דייטשע טרעולער פלאטע איז נעכטען אטאקירט געווארען פון ענגלישע פארניכטער שיפען אויפ'ן צפון ים. פיער פון די דייטשע שיפען זענען צוגעטריבען געווארען צו די ברעגען און זענען פארניכטעט געווארען.

די דייטשע שיפען אנטלויפענדיג האבען ארויסגעשיקט דראטלאזע טעלעגראמעס בעטענדיג הילף.

א סקאדראן פון דייטשע לייכטע קריגס שיפען באגלייט פון הידראפלעינס און סובמארינס זענען אנגעקומען באלד אבער עס איז שוין געווען צו שפעט צו ראטעווען זייערע שיפען ווייל זיי זענען שוין געווען פארניכטעט.

אין דער צייט האבען די ענגלענדער שוין אויך געהאט צו פארניכטען א הידרא פליען וועלכער איז אריינגעפאלען אין וואסער און א צווייטער הידרא פליען האט זיך באדארפט ארונטערלאזען צו ראטעווען די לופט פליהער

האבען איינגעשטעלט צופיעל

די דייטשע באוואפענטע מיין רייניגער זענען געווען זיכער אז זיי זענען גוט באוואכט. זיי האבען זיך פארלאזען אויף די זעפלעינס וועלכע באוואכען זיי און זענען דעריבער געגאנגען גאנץ פרייה אויפ'ן צפון ים צו זוכען מיינס און ענגלישע סובמארינס.

זיי זענען אזוי ארומגעגאנגען א לענגערע צייט, אבער דאס וואס נעכטען האט פאסירט האט זיי געלעהרנט צו זיין אביסעל פארזיכטיגער און ניט דענקען אז זיי קענען זיך פרייה באוועגען אויפ'ן צפון ים וועלכער ווערט גוט באוואכט פון ענגלאנד.

א שפעטערדיגע טעלעגראמע פון קאפענהאגען באשטעטיגט דעם פאקט וועגען דער פארניכטונג פון די פיער דייטשע מיין רייניגער און גיט נאך צו אז די ענגלענדער האבען ניט אויפגעהערט צו באמבארדירען די מיין רייניגער זאגאר דאן ווען זיי זענען שוין געווען האלב פארקריפעלטע ארום ברעג די ענגלענדער האבען זיי אין גאנצען פארניכטעט.

די וועלכע האבען זיך גערעטעט

ארום הונדערט דייטשע מאטראזען און אפיצערען האבען געלאנדעט פיעלע פון וועלכע זענען געווען שווער פארוואונדעט, פון רינקאבינג די ערשטע גרויסע שטאדט פון יענעם פלאץ זענען ארויסגעשיקט געווארען דאקטוירים זיי צו העלפען. פריהער האבען זיך פארשפרייט קלאנגען אז ארום הונדערט פון זיי זענען געטויטעט געווארען אבער דאס זענען געווען די זעלבע וועלכע האבען געלאנדעט אזוי האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען.

די מיין רייניגער וועלכע זענען געווען אין א גאנצען סקאדראן זענען געווען אויף דער וואך אבצורייניגען די וועג פאר דייטשע סובמארינס.

ווי באריכטען מעלדען האבען דייטשע סובמארינס און לופט שיפען אויך איינטהייל גענומען אין דער שלאכט.

באריכטען מעלדען אויך אז אין דער צייט ווען די ענגלישע קריגס שיפען האבען די דייטשע מיין רייניגער צוגעטריבען באשטארק באשעדיגטע צום ברעג האבען די אנדערע דייטשע שיפען געשאסען אויף די ענגלענדער דאן ווען זיי זענען שוין געווען אונטער [illegible], זיי האבען גארנישט געקוקט אויפדעם.

די סובמארינס וועלכע האבען איינטהייל גענומען אין דער שלאכט זענען געצוואונגען געווען זיך ארונטערצולאזען אין וואסער אזוי שנעל אז זיי האבען קיין צייט ניט געהאט אריינצונעהמען אינווענדיג אלע מאטראזען און פיעלע זענען איבערגעלאזען געווארען אויפ'ן וואסער.

גרויסע ארטילעריע שלאכטען אויפ'ן ווערדון פראנט

פראנצויזען שטויסען צוריק די דייטשען פארנעהמען זייערע פאזיציעס און קריגס געפאנגענע

פאריז סעפּ. 2

אן אפיציעלער באריכט איז דא היינט פארעפענטליכט געווארען פון קריגס אפיס וועלכער מעלדעט אז גרויסע שלאכטען קומען פאר אויפ'ן ווערדון פראנט אינ'ם געגענד פון בארג נומער 304.

אין אלע שלאכטען זענען די פראנצויזען אבער ארויס די זיגער.

אין איין געגענד האבען די פראנצויזען פארנומען א גאנצע רייהע דייטשע טרענטשעס צוזאמען מיט 30 געפאנגענע און איין אפיצער. די דייטשען האבען דארטען געמאכט איינינע קאנטער אטאקעס אבער אהן ערפאלג.

אויך אין שאמפאן ראיאן האט דאס זעלבע פאסירט די פראנצויזען האבען צוריקגעשטויסען א פלוצלינגע דייטשע אטאקע און האבען פארנומען עטליכע געפאנגענע.

חוץ דעם זענען צוויי דייטשע לופט שיפען ארונטערגעשאסען געווארען פון פראנצויזישע אנטי לופט שיפען הארמאטען.

מיט איין ווארט די פראנצויזען זענען טהעטיג און גאנץ ערפאלגרייך אויפ'ן גאנצען פראנט.

דייטשען פארניכטען קליינע קינדער

פלימאוטה מאסס. סעפּ. 2

בראונלי גאולד א געוועזענער סטודענט פון הארווארד אוניווערזיטעט וועלכער געפינט זיך יעצט אין פראנקרייך שרייבט אין א בריעף פון דארטען אז, דייטשע לופט שיפען פליהענדיג איבער א פראנצויזישער שטאדט ארום רייקמס האבען ארונטערגעווארפען גיפטיגע "קענדיעס" וועלכע האבען פאראורזאכט דעם טויט פון פיעלע קליינע קינדערלאך וועלכע האבען די קענדיעס געפונען און האבען זיי געגעסען.

דעם בריעף האט פארעפענטליכט זיין פאטער וועלכער האט איהם ערהאלטען.

קאנפערענץ שפייז קאנטראלער צו באשיצען דאס פאלק

אטאווא סעפּ. 2

אין א סטייטמענט וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פונ'ם שפייז קאנטראלער אפיס ווערט געזאגט דאס פ. סי. וואלאס, דער פערזענליכער פארטרעטער פון הערבערט הואווער, דער אמעריקאנער שפייז קאנטראלער פיהרט אן א קאנפערענץ שוין פון זייט די לעצטע צוויי טעג מיט דעם קאנאדער שפייז קאנטראלער אדמיניסטראציע.

עס ווערען באטראכט פארשידענע פלענער, ווי אזוי צו ארגאניזירען דאס אויפקויפען און שיקען די אלע שפייז ארטיקלען וואס דארפען אוועקגעשיקט ווערען קיין ענגלאנד.

עס ווערט אויך געזאגט דאס די הויפט דיסקוסיע ביי דער דאזיגער קאנפערענץ דרעהט זיך ארום דעם פונקט ווי אזוי איינצוארדנען אז אי די קאמיסיע זאל קענען קויפען סחורה און אויך דאס דער היגער עולם זאל ניט בארויבט ווערען פון דעם אפעטיט פון די טראסט'ס נאך גרויסע פרייזען. עס איז אויך געגעבען געווארען אן אנצוהערעניש דאס מאנכע פלענער זענען שוין אויסגעארבייט געווארען און וועלען באלד אנאנסירט ווערען.

טעלעגראפיסטען וועלען היינט באקומען אן ענטפער

די קאמיטע פון די טעלעגראפיסטען האט באשלאסען איינצוגעהן אויף פארהאנדלונגען וועגען א "סעטעלמענט" אין דער סכסוך מיט דער גרייט נארטהערן טעלעגראף קאמפאניע.

דעם דאזיגען באשלוס האט די קאמיטע אנגענומען אויף דער עצה פון דער ארביטריישאן באארד וועלכע האט געענדיגט איהרע זיצונגען לעצטען שבת פאר נאכט.

עס זענען אויסגעהערט געווארען אין פארלויף פון די פארהאנדלונגען זעהר פיעל עדות און די קאמיטע האט געמאכט א נעגויע אונטערזוכונג וועגען דעם גאנצען סכסוך. אין פאל אבער די שטרייטענדע צדדים וועלען ניט קענען קומען צו אן איינפארשטענדניס דאן וועלען זיי די זאך צוריקאיבערגעבען צו דער ארביטריישאן באארד. די טעלעגראפיסטען פארלאנגען א העכערונג אין די שכירות און בעסערע ארבייטס באדינגונגען.

פארשווערונג צו מאכען א קאנטער רעוואלוציע ענטדעקט

פיעלע הויכע געשטעלטע פערזענליכקייטען פארמישט אין דער פארשווערונג. — פיעלע ארעסטען זענען געמאכט געווארען. רעגירונג פיהרט אן א שטרענגע אונטערזוכונג.

פעטראגראד סעפּ. 2

די רוסישע צייטונגען בעריכטען אז דורך דער צייט וואס אין מאסקווא איז געהאלטען געווארען די נאציאנאלע קאנפערענץ איז אין פעטראגראד געמאכט געווארען א פארשווערונג פאר א קאנטער רעוואלוציע.

די פיהרער פון דער פארשווערונג זענען פיעלע גוט באקאנטע פיהרער און פיעלע אפיצערען. נאך א שטרענגער אונטערזוכונג האט מען אין פיעלע הייזער געפונען גוטע בעווייזע אז די קאנטער רעוואלוציע האט זיך באדארפט אנפאנגען גאר אין גיכען.

פיעלע ארעסטען אין צוזאמענהאנג מיט דער פארשווערונג זענען געמאכט געווארען אויסער פעטראגראד. די פראוויזארישע רעגירונג האלט זיך נאך דערווייל צוריק און וויל ניט פארעפענטליכען די נעמען פון די ארעסטירטע און פון די הויפט פיהרער.

די פראוויזארישע רעגירונג האט פארארדענט אז נאך א שטרענגערע אונטערזוכונג זאל געמאכט ווערען און קיינער זאל ניט געשאנעוועט ווערען.

אייזענבאהן סטרייק אבגעליינט

פעטראגראד סעפּ. 2

דער אייזענבאהן אינזשינערען פעראיין וועלכער האט נעכטען באשלאסען ארויסצורופען א סטרייק דערפאר ווייל זייערע פאדערונגען זענען ניט נאכגעגעבען געווארען, האבען צוריק געצויגען זייער באשלוס און האבען דעם סטרייק אבגעליינט פאר אן אונבאשטימטער צייט ווייל עס קומען פאר פארהאנדלונגען צווישען די פיהרער פון פעראיין און די רעגירונגס בעאמטע.

רעגירונג איז מיט גענעראל קארנילאוו

פעטראגראד סעפּ. 2

איז אן אפיציעלער ערקלעהרונג וועלכע איז געמאכט געווארען צו די צייטונגען פון וויצע פרעמיער נעקראסאוו ווערען געלייקענט די באריכטען וועלכע האבען זיך פארשפרייט אז די רעגירונג האט דיסקוטירט וועגען ארונטערזעצען דעם יעצטיגען הויפט קאמאנדיר פון די רוסישע ארמייען גענעראל קארנילאוו.

פארקעהרט האט דער וויצע פרעמיער ערקלעהרט די פראוויזארישע רעגירונג איז פאלשטענדיג איינשטימיג מיט גענעראל קארנילאוו, און פיעלע פון זיינע רעקאמענדאציעס זענען שוין דורכגעפיהרט געווארען און פיעלע וועלען נאך דורכגעפיהרט ווערען.

די פראוויזארישע רעגירונג איז דורכויס צופריעדען און האט צוטרויען צום גענעראל וועלכער מישט זיך ניט אין קיין פאליטיק האלט זיך פאלשטענדיג נייטראל און טהוט בלויז אלעס צוריק צושטעלען די רוסישע ארמיי אויף איהרע פיס.

באריס סאווינקאף דער צייטווייליגער קריגס מיניסטער וועט אין גיכען האבען א קאנפערענץ מיט'ן גענעראל וועגען די ווייטערע שריט וועלכע דארפען אנגענומען ווערען צוריק איינצופיהרען דיסציפלין אין דער ארמיי.

וויען באמבארדירט פון איטאליענישע לופט פליהער

אבער ניט מיט באמבעס נאר מיט פראקלאמאציעס וועגען דעם איטאליענישען גרויסען זיעג

טוריז סעפּ. 2

פינף איטאליענישע לופט פליהער האבען זיך בשלום צוריקגעקעהרט פון אן ערפאלגרייכע רייזע וועלכע זיי האבען געמאכט איבער דער עסטרייכישער הויפט שטאדט וויען.

פארלאזענדיג דעם איטאליענישען פראנט האבען זיך די לופט שיפען אריבערגע'גנב'עט אונבאמערקט איבער דער עסטרייכישער ליניע און זענען געפלויגען גלייך צו דער עסטרייכישער הויפט שטאדט.

זיי זענען זיך אבער מיט די עסטרייכער באגאנגען בעסער אוידער די דייטשען באגעהן זיך מיט די ענגלענדער ווען די לעצטע באפאלען די ענגלישע ברעגען.

אנשטאט באמבעס האבען די איטאליענער ארונטערגעווארפען פון זייערע שיפען פראקלאמאציעס לאזענדיג וויסען די עסטרייכישע איינוואוינער וועגען דעם גרויסען איטאליענישען זיעג אויפ'ן איזאנזא פראנט.

אויפ'ן זעלבען וועג האבען זיך די לופט פליהער אונבאשעדיגט צוריקגעקעהרט צו זייער הויפט קווארטיר.

דייטשע לופט שיפען באפאלען ענגלישע ברעגען

ווארפען ארונטער באמבעס אויף קענט — דער שאדען אבער איז ניט קיין גרויסער

לאנדאן סעפּ. 2

די דייטשען שטעלען זיך ניט אפ פאר קיינע בארבערייען, דייטשע לופט פליהער זענען ווידער באפאלען ענגלישע ברעגען און האבען ארונטערגעווארפען באמבעס אויף דער אונבעשיצטער ענגלישער באפעלקערונג.

גליקליכער ווייזע אבער האבען די באמבעס ניט פאראורזאכט קיין פיעל שאדען.

אזוי איז היינט אפיציעל אנאנסירט געווארען פון דער ענגלישער אפיציעלער ביורא.

דער סטייטמענט לעזט זיך ווי פאלגט:

11 א זייגער נעכטען אווענד זענען דייטשע לופט שיפען געפלויגען איבער מזרח קענט, און האבען ארונטערגעווארפען איינינע באמבעס, ווי מען גלויבט. איז דער שאדען א גאנץ קליינער און ניט פיעלע פון מענשען זענען באשעדיגט געווארען.

שפעטער זענען די זעלבע לופט שיפען געזעהען געווארען פליהענדיג אין דער ריכטונג פון ים.

די
אומגליקליכע יתומים

און אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן פונ׳ם נייגצעהנטען יאהרהונדערט.

בעארבייט לויט דעם בעריהמטען היסטארישען ראמאן פון יוזשין סיו

(92־טע פארזעצונג)

ראדין׳ס אויסזעהען און שטימע האבען זיך שטארק געענדערט. זיינע באקען האבען געביטען דעם קאליער ווי אין פיבער און היציגקייט האט אונטערבראכען זיינע ווערטער. זיין טייפעלשע אינטריגע האט געמאכט א בעצויבערנדע ווירקונג אויף זיינע קאמפאניאנען. דעגריני האט איהם אנגעקוקט מיט בעוואונדערונג און געזאגט:

— איך בין מודה אז איך האב בעגאנגען אן אונרעכט וואס איך האב געצווייפעלט אין אייך, געעהרטער פאטער. מיין פריינדשאפט איז געווען צו שוואך אום צו בעגרייפען אייערע געניאלע פלאנען. איך זעה יעצט אז מיר האבען אייך פיעל צו פערדאנקען און דאס מען קען ניט מעהר צווייפלען אין אונזער ערפאלג.

דאס איז צופיעל איבערטריבען — האט ראדין געזאגט מיט פיבערישער אונגעדולד — די אלע געפיהלען זיינען נאך אין דער ארבייט און דער מאמענט איז קריטיש. איך ארבייט מיט אלע קרעפטען אבער איך בין איינער אליין.

ראדין האט ווידער צוגעדריקט זיין האנד צום שטערען און ארויסגעלאזען א פערשטיקטען געשריי פון שרעקליכען שמערץ.

— וואס איז מיט אייך? האט דעגריני אונרוהיג געפרעגט אייער געזיכט איז בעדעקט מיט א טויטליכער בלייכקייט.

— איך ווייס אליין ניט, האט ראדין געענטפערט, מיין קאפוועהטאג פערגרעסערט זיך עס שווינדעלט מיר פאר די אויגען.

זעצט זיך, נעהמט עטוואס — האט די פירסטין געזאגט מיט מיטלייד.

— ניין, איך וויל קיין זאך, האט ראדין געענטפערט זיך אויפהאלטענדיג אויף די פיס איבער געוואלט. נאט זוי דאנק איך בין ניט קיין זיינענדיג קינד. איך האב בלויז לעצטע נאכט ווייניג געשלאפען, איך בין בלויז אביסעל מיעד. איך האב אייך פריהער געזאגט אז איך קען בלויז אנפיהרען די ארבייט אבער איך קען ניט אויפטהאן אלעס אליין. איך בין דער איינציגער וואס קען האלטען די לייצעס, אבער אנדערע דארפען מיר העלפען.

—געעהרטער פאטער, איהר זעהט אויס שרעקליך בלייך — האט דער קארדינאל אונרוהיג געזאגט — איהר זייט ווירקליך זעהר קראנק.

דאס איז מעגליך — האט ראדין מוטהיג געענטפערט — אבער איך גיב זיך נאך אזוי לייכט ניט אונטער. יעצט איז די צייט ווען אייערע פעהיגקייטען קענען צונוץ קומען. איהר קענט צוציהען צו זיך מענשען. איהר זייט עלעגאנט שעהן, און א טאלאנטפאלער רעדנער. איהר מוזט.

ראדין האט ניט געענדיגט א קאלטער שוויים האט בעדעקט זיין געזיכט. ער איז אומגעפאלען.

איך מוז מודה זיין אז איך בין ניט געזונד — האט ראדין געזאגט — דיעזען פריהמארגען בין איך געווען געזונד ווי אימער און יעצט טרייסלען מיר אלע גליעדער. איך בין קאלט ווי אייז.

— זעצט זיך נעהענטער צום פייער דאס מוז זיין א קליינער איבערגאנג — האט דער בישאף געזאגט איהם צוהאלטענדיג אונטערן ארעם. איהר וועט באלד ווערען בעסער.

נעהמט פלייכט א ווארימע גלאז טהעע — האט די פירסטין געזאגט — דאקטאר באליינער וועט דא באלד זיין און ער וועט זעהען וואס איך איז.

—עס איז ווירקליך אונמעגליך צו פערשטעהן! האט דער קארדינאל זיך געוואונדערט.

ביי דיעזע ווערטער פון קארדינאל האט ראדין וועלכער איז מיט גרויס שוועריגקייטען צוגעקראכען צום פייער א פאאר סעקונדען שארף אנגעקוקט דעם קארדינאל מיט ביידע אויגען. דאן האט ער ענערגיש אויסגעשריען טראטץ דעם וואס זיין אויסזעהען האט זיך נאך מעהר פערשלימערט און זיין שטימע האט געציטערט פאר שוואכקייט:

— דער פייער האט מיר דערווארימט. מיר וועט באלד זיין לייכטער. איך האב קיין צייט מיר נאכצוגעבען די קלייניגקייטען. א שעהנע זאך וואלט עס געווען ווען איך זאל ווערען קראנק גראדע ווען די רעגעפאנט אנגעלעגענהייט קען געלינגען נור דורך מיין מיהע, לאמיר רייען וועגען ביזנעס. איך האב אייך געזאגט פאטער דעגריני אז איהר קענט מיר פיעל העלפען און איהר אויך פירסטין ווען איהר זאלט —

ראדין האט ווייטער ניט געענדיגט. ריעזן מאהל האט ער ארויסגעלאזען א שרעקליכען געשריי׳, זי א ווארף געטהאן אויף א סאפא און צוגעדריקט זיינע ביידע הענד צום ברוסט מיט דעם געשריי:

״אה, וואס פאר א שמערצען!

ראן האט א שרעקליכער אנבליק זיך פארגעשטעלט פאר די אויגען פון דער קליינער געזעלשאפט. ראדינ׳ס אויסזעהען האט זיך געענדערט שנעל ווי א בליץ. זיינע איינגעפאלענע אויגען זיינען פול געווארען מיט בלוט, נערוועזע קאנוואלסיעס האבען אנגעצויגען די אייז קאלטע הויט ביי איהם אויף׳ן געזיכט אזוי אז אלע ביינער האבען זיך ארויסגעזעהען און דאס גאנצע געזיכט האט אנגענומען א ווערען גרין ווי גראז, זיין אטהעם האט געקייכט און ער האט זיך געקרימט פאר געוואלטיגע שמערצען.

פלוצלונג האט א ווילדער צארען איהם אנגענומען. ער האט צוריסען מיט זיינע נעגעל זיינע קליידער און איינגעגראבען די נעגעל אין זיין נאקעטע ברוסט ווי ער וואלט וועלען זיך אליין צרייסען אויף שטיקער אום ניט צו פיהלען מעהר דעם שרעקליכען וועהטאג. דער בישאף, דער קארדינאל און דעגריני זיינען האסטיג צוגעלאפען צו ראדין׳ען און פרובירט איהם צוהאלטען. זיין קערפער האט זיך געדרעהט פון קאנוואלסיעס, אבער פלוצלונג האט ראדין צוזאמענגעקליבען אלע זיינע קרעפטען און זיך געשטעלט אויף די פיס. ער האט אויסגעשטעלט זיינע בלוטיגע רויטע אויגען און גרינע געזיכט אויף׳ן קארדינאל, איהם אנגעכאפט פאר דער האנד און אויסגעשריען מיט א שרעקליכע האלב פערשטיקטער שטימע:

קארדינאל מאליפיערי, די קראנקהייט איז צו פלוצלונג. מען האט אויף מיר א חשד אין רוים, איהר שטאמט אב פון דער פאמיליע בארדזשיא וועלכע נויט ווי זיך צו בעגעהן מיט גיפט און אייער סעקרעטער איז דיעזען פריהמארגען ביי מיר געווען.

— אונגליקליכער איז וואס וואגט איהר מיר צו בעשולדיגען! האט דער קארדינאל אויסגעשריען.

— איך בין פערגיפטעט! האט ראדין געענטפערט און איז אומגעפאלען אויף די הענד פון אבע דעגריני.

אין רעכטען מיטען פון זיין שרעק און איפרעגונג האט דער קארדינאל פון דעסטוועגען געהאט גענוג קאלטבלוטיגקייט צו זאגען צו זיך אליין, ״אהא, ער דענקט אז מען האט איהם פערגיפטעט. דאס איז א בעוויז אז ער שפיעלט א געפעהרליכע אינטריגע.

די טהיר האט זיך געעפענט און דאקטאר באליינער איז אריינגעקומען.

— אה, דאקטאר האט די פירסטין אויסגעשריען לויפענדיג איהם ענטקעגען. פאטער ראדין האט פלוצלונג בעקומען שרעקליכע קאנוואלסיעס. שנעל זעהט וואס מיט איהם איז.

דער דאקטאר האט זיך איינגעבויגען איבערן קראנקען, אלע זיינען אבגעטרעטען אן א זייט אויסער דעגריני וועלכער האט איהם צוגעהאלטען.

— גוטער הימעל! האט דער דאקטאר אויסגעשריען ווערענדיג בלייך וויא קאלך ווען ער האט דערזעהען ראדינס גרינליך בלויע געזיכט. די האאר האבען זיך אויפגעשטעלט אויף׳ן דאקטארס געזיכט.

— וואס איז? האבען אלע אויסגעשריען מיט איין שטימע.

— וואס דאס איז האט דער דאקטאר געזאגט שטעלענדיג א פאאר טריט צוריק ריכטיג ווי ער וואלט ארויפגעטרעטען אויף א שלאנג, דאס איז די כאליערע און אנשטעקעניס קראנקהייט!

ביי דיעזע שרעקליכע ווארט האט דעגריני אראבגענומען זיינע הענד פון ראדינען וועלכער האט א פאל געטהאן אויף דער ערד.

— ער איז פערלארען! איך וועל געהן נעהמען פאר איהם מעדיצין פאר דער לעצטער פראבע. האט באליינער געזאגט א תירוץ און איז ווי א פייל ארויסגעלאפען פון הויז.

די פירסטין סאנט דיזיער, דעגריני, דער בישאף און דער קארדינאל האבען אין ווילדען שרעק זיך א ווארף געטהאן צום טיהר. זיי זיינען געלאפען פון דער געפאהר זיך אנצושטעקען מיט דער קראנקהייט. זיי האבען שיעור אומגעווארפען דעם יונגען פריסטער גאבריעל וועלכער האט געהאלטען ביים אריינגעהן אין הויז.

— געהט ניט אריין! ער שטארבט פון כאליערע! אנטלויפט! האבען אלע אויסגעשריען.

גאבריעל האט ניט געענטפערט. ער איז צוגעלאפען צו ראדינען וועלכער האט זיך געקייקעלט אויף דער ערד און שרעקליכע קרעמפפען און געקרעכצט מיט א דערשטיקטער שטימע:

— זיי לאזען מיר שטארבען — ווי א הונד... אליין, לומפיגע פייגלינגע, העלפט — קיינער ניט!...

זיינע אויגען האבען געפלאמט מיט ווילדען צארען און פערצווייפלונג, ווען זיי האבען בעגעגענט די שעהנע גוטע געזיכט פון גאבריעל׳ן וועלכער איז געשטאנען אויף די קניע נעבען איהם און געזאגט מיט א ווייכער שטימע:

— איך בין דא, פאטער, איך צו העלפען אויב הילפע איז מעגליך און צו בעטען גאט פאר אייך אויב עס וועט ניט בלייבען קיין אנדער זאך וואס צו טהאן.

גאבריעל! האט ראדין געמורמעלט מיט א שוואכע שטימע — פערצייהעט מיר די שלעכטעס וואס איך האב אייך געטהאן. פערלאזט מיר ניט — אה, לאזט מיר ניט שטארבען אליין...

ראדין האט ניט געקענט ענדיגען.

ער האט אין ווילדע קאנוואלסיעס פרובירט זיך אויפהויבען און איז מיט א הויכען געשריי אומגעפאלען אויף צוריק ער איז געבליבען ליעגען אהן בעוועגונג.

דעם זעלבען טאג איז אין די אבענד בלעטער פון פאריז געדרוקט די נייעס אז די כאלעריע וואס האט געוואנדערט פון די טויטליכע מגפה איז פערגעקומען איבער גאנץ איראפא האט שוין אויסגעבראכען אין פאריז און דער ערשטער פאל אין הויז פון פירסטין סאנט דיזיער.

64־טעס קאפיטעל

אין די נאס דארקאל, ניט ווייט פון איינעם פון עלעגאנטע סאלאנס וואו דער לוסטיגער פאריזער עולם קלייבט זיך צוזאמען עסען און טרינקען, איז געשטאנען א גרויסער המון אום צו זעהען ווי די מאסקעראד פראצעסיאן וועט אנקומען. עס האט זיך פערברייטעט די נאכריכט אז א קאמפאניע יונגע לייט האבען אבגערעדט צו מאכען א מאסקעראד להכעיס דיא כאלעריע און אויפצומונטערן די צושראקענע פאריזער בעפעלקערונג. א גרויסע מאסע יונגע ארטיסטען, סטודענטען און אנדערע לוסטיגע חברה מיט זייערע געליעבטע האבען זיך פערשריבען אנטהייל צו נעהמען אין דעם מאסקעראד און דיא נאנצעמוטהיגע קאמפאניע האט יעצט מארשירט אום צו ענדיגען זעהר א לוסטיגען טאג מיט א מיטאג אין ״נאטאר־דאם״.

(פארזעצונג פאלגט)

פונ׳ם פועלי ציון פא״לע סטינא קאמיטעט

ניט קוקענדיג אויף דער הייסער זומער צייט און אויף דער שטימונג ביים ברייטען עולם צוליעב דעם ״דרעפט״, ווערט אנגעפיהרט די טעטיגקייט פאר די ארבייטער אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל אויף א סיסטעמאטישען אופן און די ציפערן בעווייזען אז מ׳קען רעדען פון א גאנץ שעהנעם ערפאלג. אין די לעצטע 10 חדשים (פון אקטאבער 1916 ביז יולי 1917) איז געשאפען געווארען פאר׳ן פאלעסטינא ארבייטער פאנד העכער 20000 דאלאר (צוואנציג טויזענד) אחוץ דעם וואס איז אריינגעקומען פאר ליטעראטור, וועלכע דער פוע״צ פאלעסטינא־קאמיטעט האט ארויסגעגעבען, היבשע עטליכע טויזענד דאלאר, אויך פאר׳ן נאציאנאל פאנד און אנדערע פאלעסטינא פאנדען זיינען אריינגעקומען געווארען סומען בסך הכל האט דער פועלי־ציון קאמ. אין משך פון די לעצטע חדשים אריינגעקראגען ארום 30,000 דאלאר תשעה באב איז דער טאג וואס איז פון די פע״צ בעשטימט געווארען אז יעדער מיטגליד זאל אבגעבען זיין טאג שכירות פאר דעם ״השומר״. דווקא אין דעם יאהר, ווען א״י איז אבגעריסען פון דער גאנצער וועלט און עס קומען דארטען פאר גירושים. קומט אויס דעם השומר פון צייט צו צייט שפיעלען א בעדייטענדע ראלע אין דער פערטהיידיגונג פון אידישען האב און גוטס.

דער ״השומר״ איז א נאציאנאל רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע און דיענט ניט די אינטערעסען פון איין קלאס בעזונדער. דער געדאנק פון אידישער וואך איז קוים היינט אנערקענט געווארען פון אלע קלאסען און דערפאר בעציהט מען זיך צו דער אידיש־רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע מיט אזא אכטונג. לײדער קריגט אבער דער ״השומר״ פון קיינעם ניט קיין ממשות׳דיגע הילף. אבוואהל ער ווערט אנערקענט פון אלעמען. די פועלי ציון טראגען דערוויל אליין אויף זיך דעם חוב פון געבען דעם ״השומר״ די קרעפטיגסטע שטיצע. דער טאג פון תשעה באב איז ניט בלויז אויפגענומען געווארען צו זאמלען געלד, ס׳זיינען אויך דורכגעפיהרט געווארען אין א רייהע שטעדט ״השומר״ אווענדע, וואו עס איז גערעדט געווארען וועגען דער ארגאניזאציע.

דער פוע״צ פאל. קאמ. האט לעצטענס צו פארצייכענען איינציגע אויפגאבען, וואס ער האט ארויסגעגעבען. קודם כל די ״נאציאנאל פאנד״ בראשורע פון יצחק זאר. זי בעהאנדעלט די טהעמא פון נ״פ און זיין בעדייטונג פאר דער אויפלעבונגס ארבייט אין א״י און זיין שייכות צו די פוע״צ.

עס ווערט פארטיג און וועט אין גיכען ערשיינען א בראשורע איבער ״אחוזה״ פון דר. נ. סירקין. א בראשורע איבער דעם ״החלוץ״, וועמענס צוועק ס׳איז ארגאניזירען אלע די וואס זיינען גרייט ביים ערשטען רוף צו פארלאזען דאס לאנד און פאהרען אין ארץ ישראל פארנעהמען די פאזיציאנען וואס וועלען נויטיג זיין. ס׳ערשיינט אויך גאר אין גיכען דער ״ארץ ישראל״ בוך, געשריבען פון די צוויי קאמפעטענטע פארשער בן צבי און בן גוריון וועלכע האבען פארבראכט צו 10 יאהר אין ארץ ישראל. דער בוך איז א פראדוקט פון זייער לאנגיעהריגען שטודיום. דער ערשטער באנד ענטהאלט 416 זייטען און א 70 א״י אילוסטראציעס. אויך א א״י מאפע ספעציעל געצייכענט פאר׳ן בוך. דער בוך ווערט ערווארט מיט אונגעדולד פון א סך וועלכע האבען זיך שוין פריהער דערויף פארשריבען. דעם 7טען אקטאבער (זונטאג הושענא רבה) וועט זיין די יעהרליכע זאמלונג פאר׳ן פאל. ארב. פאנד. וועלכער איז א״י גרינדענדיג פערשידענע ארבייטער אינסטיטוציעס.

צוליעב דער מלחמה האט זיך די לאגע פון די ארבייטער פערערגערט און במילא זיינען די אויפגאבען פונ׳ם פאנד פארגרעסערט געווארען. די פועלי ציון און דער איר. נאצ. ארבייטער פערבאנד זיינען די איינציגע וואס טראגען אויף זיך די פליכט צו העלפען דעם ארבייטס פאנד. ווייל די לאגע פון די ארבייטער אין א״י איז לעצטענס געווארען אזוי קריטיש און הילף איז אונבעדינגט נויטיג. האבען זיך די פוע״צ און דער א: נ. א. פ. אונטערגענומען די זאמלונג דורכצופיהרען מיט דער גרעסטער ענערגיע און זי מאכען פאר א גרויסען ערפאלג. אין דער ארבייט קען אנטייל נעהמען יעדער איינער וועלכער שאצט אב דעם ווערט פון אידישער ארבייט אין ארץ ישראל.

די קומענדע זאמלונג וועט אחוץ דער ריין מאטעריעלער הילף אויך זיין אנ׳ ערמונטערונגס ווארט צו די ארבייטער אין ארץ ישראל אז מיר אין די גלות לענדער פארגעסען זיי ניט און העלפען זיי אין צייט. ווייל זייער ארבייט איז אויך אונזער ארבייט.

בריעף קאסטען

יצחק ביילין —

1) פון די קענעדער האפענס געהען ניט קיין שיפען נאך ארגענטינען, שפאניען אדער שוועדען.

2) דערוויל איז נאך אזא אבמאך ניט פאראן.

3) צו ווערען א בירגער דארף מען זיין דריי יאהר אין לאנד.

10 מעמבערס פון דער ת״ת — בריעף אהן אונטערשריפטען ווערען ניט געדרוקט.

ל. לאפסלי —

אין ציון האל מיטען פיעלע קלובס וואוהין עס געהערען הייסקוהל מיידלאך. פרעגט זיך דארטען נאך און מען וועט אייך אנגעבען זייערע נעמען.

עס וועלען ניט געדרוקט ווערען —

דער נאס מוזיקאנט, די פערליעבטע, זי איז איינזאם.

חזן מאנאוויטש

מוהל ומסדר קידושין

דארף זיך ניט ריהמען, אלע ווייסען, אז ער איז א קינסטלער.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך ארדערען, אדרעס 233 בעווערלי סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

אויפמערקזאם

אלעס איז דאס יאהר טהייער נאר די אידישקייט איז ביליג

סיימאן דער טאראנטער מוכר ספרים איז מודיע דעם וועהרטען פובליקום דאס טליתים סילק די בעסטע סארטען לייבטער מעש און סילווער פלייטעט סידורים מחזורים אלע סארטען מיט ענגליש פענסיע מיט עברי טייטש ציצית מזוזות תפילין שופרות אתרוגים שנה טובה קארטען אלעס ביליג ביי פ. סיימאן מוכר ספרים 74 עליזאבעט סטריט און 123 עגנעס סטריט

86—9—17

ווען איהר קויפט און ארטיקעל דערמאנט דעם ״אידישען זשורנאל״

בלויז חזן זולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלס מוהל

און אלס מסדר קדושין

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו, און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

פיר ארימע אומזאנסט.

אן אויפרוף צו אלע גראסערי סטארס פון אנטעריא

קויפט ניט ביי דער גאנג קיין האבער. אדער צאהלט ניט קיין גרויסע אינטערעס פון אייערע קליינע געלדער. שיקט אייערע ארדערס צו דער טאראנטאר כשר ווארשט פעקטארי

266 פארלאמענט סטריט

וואו איהר קריגט מיט צוויי סענט ביליגער דעם בעסטען ווארשט אויך געסמוקטע פיש. ווי ביי אירגענד וועמען אנדערש.

כשר
TERDIMAN'S

כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס, ווארשט, סאלאמא פאסטראמא, צונגען און אלע סארט פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאן׳ס כשר סאסעדזש מיט׳ן רויטען לייבעל

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 909

ארדערס דעליווערט איבעראל

דר. ד. א. סיגעל

דענטיסט

קארנער סט. פעטריק סט. און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלעדזש 607, הויז טעלעפאן קאלעדזש 6937

זאקסאן און שולמאן

בארריסטערס, סאליסיטארס

לאא אפיס

וועזלי בילדינג, 209 קווין סט. וועסט קארנער קווין און דזשאהן סט. טאראנטא. טעלעפאן אדעל. 3157.

לאא אפיס

איזידאר פינבערג

באריסטער

סאליסיטאר נאטארי פאבליק קאמישאנער פיר אפידייוויטס און געלד צו לייען.

יאנג און קווין סט. אימפיריעל באנק בילדינג אפיס פאן מיין 3406 רעזידענס 425 בראנסוויק עוועניו פאן הילקרעסט 2276.

YONGE & QUEEN ST, 35 IMP. BANK BLDG.

אברהם קאהען

באריסטער

נאטארי פאבליק

קאמישאנער פיר נעהמען אפידייוויטס

Office, Sun Life Building

80 VICTORIA STREET

Main 2084

Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1545

מ. בראון

פייער, לייף, עקסידענט, פלייט גלאז, און אויטאמאביל אינשורינג.

איך פלייס פייער אינשורינגס אויף בילדינגס, פארניטשור און סטאק אין די ביליגסטע טאריף קאמפאניעס. שנעלע אטענדינג און ראיעלע בעהאנדלונג גאראנטירט.

M. BROWN

147 Seaton St, Phone M. 2364

ווען איהר קויפט איין ארטיקעל דערמאנט דעם ״אידישען זשורנאל״

ביזנעס טיפען און צו פערמיעטען

רייזערס צו פיקסען

רייזאר קלינגלאך געשארפט פון עקספערטען 1 ניקלעס, 35 סענט א דאזען עווער רעדי 25 סענט. שיקט צו אלבערט קיען עידוש קאמפאניע 180 באטהורסט סטריט טאראנטא, טעלעפאן ארעלייד 153.

11448—9—7

צו עקסטשענדזשען א זעקס רומיגע הויז אין 206 מארקהעם סט. אלעס ניי און אלע קאנוויניענס אויף א הויז אין אן אנדער טהייל פון שטאדט מעג זיין אביסעל ווייטער. איסט אדער וועסט. נאכפרעגען אין 206 מארקהעם סט. אדער טעלעפאנירט קאלעדזש 4984

11708—9—9

צו פערקויפען א סעקאנד הענד סטאר 768 קווין סטריט וועסט ווארזאכע פאר פערקויפען איז קראנקהייט.

11652 9—3

צו פערקויפען א הויז פון 7 רומס און סטייבעל פאר 2 פערד פאר 1,700 דאלאר מיט א קליינעם איינצאהל, נאכפרעגען 236 אנטעריא סטריט

11643—9—3

צו פערענטען

צו פערענטען א הויז פון 6 רומס מיט אלע קאנוויניענס 27 סענט פעטריק סקוועהר.

11648—9—3

צו פערענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס אין בעהייצונג פאר 20 דאלאר א מאנאט, און אויך א סטאר אין עליזאבעט סטריט. נאכפרעגען דזשעניטאר אין 118 ענגעס סטריט רום 15.

11647—9—3

צו פערענטען 3 פיינע פראנט רומס מיט אלע קאנוויניענס און בעזונדער באטה אין 244 קלינטאן סטריט

11660—9—4

״אויף שמחות און אונטערהאלטונגען״

אויף א ברית ביי מר. מילער פון 34 פיבא סטריט איז געזאמעלט געווארען 10.15 פאר די מלחמה ליידענדע מר. מאקס פרידמאן האט בעצאהלט פאר א צעהלען און מיסעס ראנע נאבעל האט בעצאהלט פאר אוועקטראגען די געלט צום טרעזשורער מר. וויינבערג.

3890

אין דרייטען אנטעריא ביי מר. הורוויץ אויף א ברית איז געזאמעלט געווארען פאר די מלחמה ליידענדע 9.25 וועלכע איז איבערגעגעבען צום טרעזשורער מר. וויינבערג.

3891

סעפערייט רום סיסטעם

די וויליאמס

קארטיידזש און סטארידזש קא.

טעלעפאן קאלעדזש 252

דזשענעראל קארטיידזש אידזשענטס 368 ספעדיינא עווע. טאראנטא אנט. באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד. שטוב זאכען געמופט און געשיפט ביי עקספערטען.

ווערהייזער 551 קווין סטריט וועסט צוגעשיקט וועגען. פלעזשור טריפס

ל. י. רעדפערן.

ווארום ניט פאטראניזירען

חזן קאפלאן

חזן קאפלאן דארף פאטראניזירט ווערען פון אלע אידען יעדער ווייס ווארום, פאטראניזירען חזן קאפלאן מיינט דאס איהר טהוט אייער מענשליכע פליכט צום ריכטיגען פערזאן וועלכער האט עס פערדינט אין די לעצטע 11 יאהר אין טאראנטא.

חזן קאפלאן מוהל ומסדר קדושין 73 בראנזוויק עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 4149. אפיס טעלעפאן ארעלייד 239.

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט א סעקרעטערי ביי די מושב זקנים. פרעגט מר. שולמאן 37 גרינוויך עוו.

11700—9—4

פערלאנגט פאר אפרייטערס און בלאקער. פרעגט ל. הארטמאן און קא. 12 מעלינדא סט.

11702—9—4

פערלאנגט א בלעכער, גוטע וואידזשעס סטעדי ארבייט צום ריכטיגען מאן נאכפרעגען דזש. סעמיועל 275 קווין סט. וועסט.

11644

פארלאנגט א מיידעל אן עקזאמענע ריז צו ווייסע דאק סקוירטס נאכפרעגען מילער מאנופעקטשורינג 251־3 מיטשעל סט.

11704—9—3

פערלאנגט אפרייטערס צו פענטס און אויך סיידזשערס און טעקערס און פאקעט ארמנייערס אן א יוניאן ספעשעל. נאכפרעגען 549 קינג סט. וועסט ה. גודמאן

11706—9—3

פערלאנגט אפרייטארס ביי דרעסעס נאכפרעגען פיערער קלאוק און סוט קא. 103 עדלייד סט. וועסט

11709—9—3

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

די חברה בני יעקב פון אוורליסקאורט וועט היי־יאהר דאווענען ימים נוראים אין 3 הארוויי עווענוי.

דער בעקאנטער חזן משה יהודה דזשעסיק וועט דאווענען גאנץ ימים נוראים אידען פון יענעם געגענד דארפען עס נעהמען אין בעטראכט.

11710—9—9

אויפמערקזאם

פארלוירען אין סימפסאנס שיך דעפארטמענט די סומע פון 145 ביז 150 דאלאר. דאס געלד בעלאנגט ניט צו קיין גביר. גוטע בעלוינונג צום ערליכען פינדער. איהר וועט אויך ראטעווען א פאמיליע.

צוריק ברענגען 72 באלדווין סט.

117[illegible]

ביזנעס טשאנסעס

דעקער צו פיקסען.

אלערליי שינדעלס און קראוועלס און סלייטס, ביליגע פרייזען מיט גאראנטיע פרעגען דזש. מענהיים 80 באלדווין סט. פאן קאלעדזש 7218.

11617—9—24

איך פייפער און פיינט מיט די בעסטע פיינט און שעהנסטע פייפער צו די ביליגסטע פרייזען און גאראנטיר צופריעדענהייט. סעם קאטין 56 אגוסטא עוו. פאן קאלעדזש 6642

11701—10—2

מיר פאלישען און פיקסען אלערליי בעטען און ברעסענע פיקטשורס מיר מאכען אלטע איבער ווי נייע.

קאנעדיען ברעס בעד און פיקטשורס פאליסינג קאמפאניע 219½ סט. פעטריק סט.

11529—9—16

ס. גרייזמאנס

ניו־יארק כשר ווארשט סטאר און דעליקאטעסען

האלסייל און ריטייל

קאנטרי ארדערס דעליווערט. 70—72 טשעסנאט סט.

פאן מיין 6203

שעכטער׳ס

סטאר איז דער איינציגער פלאץ, וואו אלע אידען, האמילטאנער און פרעמדע קומען זיך צוזאמען. ס׳איז א פלאץ וואו א יעדער איד (אדער פרוי) צו יעדער צייט בעקומט די בעסטע אויסקונפטע וואס איז איהם (אדער איהר) נוגע.

שעכטער איז דער איינציגער אין האמילטאן וואס קען צו יעדער צייט ארויסגעבען סיטיזען פייפערס, מערידזש לייסענס, געזעצליכע דאקומענטען, אויסשווערען אפידייוויטס, שאפען פאספארטען א. ז. וו.

שעכטערס סטאר איז דער איינציגער פלאץ אין האמילטאן וואו צו בעקומען אידישע צייטונגען און זשורנאלען, א גרויסען אויסוואהל פון נאציאנאלע און רעליגיעזע ארטיקלען ווי: סדורים, מזוזות טליתים, ציצית, מוזיק נאטען, ראמאנען, ביכער צו לערנען ביי דער וואך א. ד. ג. אויך א אפ־טו־דייט סטאק פון דריי גודס, און מענס פורנישינגס. סטאר אפען יעדען אווענט.

געדענקט דעם אדרעס 3 שעכטער, קארנער יארק און פארק. טעלעפאן 5416 איין בלאק פון סיטי האל.

James L. SHEKTER

Justice of the Peace, Issuer of Marriage Licenses and Citizens Papers

די געהיימניסע פון דער רוסישער רעוואלוציע

דערצעהלט פון גרויספירסט פאוועל אלעקסאנדראוויטש

דעם צאר'ס אנקעל דערצעהלט וואס עס איז פארגעקומען הינטער די קוליסען אין קייזערליכען פאלאץ, ווען ראספוטין איז ערמארדעט געווארען, און ווי אזוי ער אליין איז געווארען א רעוואלוציאנער.

(2־טע פארזעצונג.)

דיזער געמיינער, ניעדערטרעכטיגסטער ליגען וועגען מיין שטיף־טאכטער איז געזאגט געווארען מיט דער איינער אבזיכט מיך צו בעליידיגען פאר ניקאלאי'ען אין די אויגען. איך האב געוואוסט אז ער האט עס געטהאן כדי ארויסצורופען מיין צארן אין דער האפנונג אז איך וועל זיך אזוי פערלירען אז איך וועל אויפהויבען די האנד און איהם דערלאנגען אין געזיכט.

אזא זאך וואלט מיר דער צאר ניט מוחל געווען און וואלט מיך מעהר קיין מאל ניט אויפגענומען.

איך האב זיך אבער דאמאלס בעהערשט און האב גאר ניט געענטפערט, ווערענד דער צאר האט אויסגערופען:

,,זאל אייך גאט בעשיצען און אייך געבען לאנגע און גליקליכע יאהר כדי איהר זאלט ווייטער קענען דיענען אונזער ליעב פאטערלאנד ווי איהר האט עס געטהאן ביז איצט.״

דערביי האט זיך דער צאר איבערגעצלמ'ט און זיך טיעף פערנייגט, ווי ער וואלט אבגעזאגט א תפילה.

די צארינא שיקט נאך מיר.

דעם 27־טען פעברואר, נאך דער רוסישער צייט רעכנונג) איז געווען בעשטימט די ערעפנונג פון דער דומא. אין די העכערע הויף־קרייזען האט מען דאמאלס צום ערשטען מאל דערשמעקט די אמת'ע לאגע. דעם 28־טען פעברואר, דאס הייסט אויפ'ן צווייטען טאג, האבען זיי שוין דערזעהען אז די סיטואציע איז געווארען ערנסט און געפעהרליך און דעם זעלבען נאכמיטאג האט די צארינא געשיקט נאך מיר.

,,פאהרט זאפארט אוועק צום פראנט״ האט זי מיר גענומען בעטען מיט טרעהרען אין די אויגען אזוי שנעל ווי איך בין פאר איהר ערשיענען — ,,ברייגגט מיט זיך קיין פעטראגראד די סאלדאטען, וועלכע זיינען געטריי דער דינאסטיע מיר מוזען רעטען דעם טראהן וויפיעל דאס זאל ניט קאסטען, שנעלער ווייל דער טראהן איז אין דער גרעסטער געפאהר!״

איהרע ווערטער האבען מיר ניט איבערראשט. איך האב איהר רוהיג ערקלעהרט אז איך בין ניט פעראינטערעסירט אין דער זיכערהייט פונ'ם טראהן. פאר מיר האט דער טראהן געהאט פונקט אזא ווערטה ווי אן אלטער, צובראכענער שטוהל, איך האב איהר אויך ערקלעהרט אז דאס ברייגגען פון די סאלדאטען פונ'ם פראנט וועט גאר ניט העלפען ווייל זיי וועלען זיך גליך אנשליעסען אן דער רעוואלוציאן. עס פערשטעהט זיך אז איך האב ענטזאגט איהר פערלאנג צו ברייגגען די סאלדאטען קיין פעטראגראד.

איך האב איהר דאן גענומען ערקלעהרען אז די רעוואלוציאן האט זיך שוין צו ווייט פערשפרייט און אז דער שיקזאל פון דער דינאסטיע איז שוין פער'חת'מעט און קיין זאך אויף דער וועלט קען איהר מעהר ניט העלפען. איין זאך האב איך דאמאלס ניט געהאט דעם מוטה איהר צו ערקלעהרען, און דאס איז אז די גאנצע קייזערליכע משפחה, אלע פרינצען און גרויספירשטען, דערונטער דעם צאר'ס מוטער, די געוועזענע צארינא, זיינען געווען פערמישט אין דער גרויסער פערשווערונג און אז מיר האבען אלע מסכים געווען אז דער צאר זאל געשטירצט ווערען פון טראהן.

דעם 1־טען מערץ, האט מען מיך וויעדער גערופען אין קייזערליכען פאלאץ. דאס מאל האב איך זיך אבער ענטזאגט צו געהען אהין. אין איהר פערצווייפלונג, האט די צארינא צוגעשיקט א מענשען מיט'ן בעפעהל אז איך זאל זאפארט ערשיינען פאר איהר. אויך דאס האט ניט געווירקט. איך האב בלויז אנגעשריעבען אויף דער צווייטער זייט פון איהר בעפעהל: ,,איך האב ניט קיין ענטפער״.

דערמיט האט זיך אבער די געשיכטע ניט געענדערט. די צארינא האט גענומען קלינגען אויף מיין טעלעפאן. מיין סעקרעטער האט אבער געהאט איין ענטפער — איך בין ניטא אין דער היים פאר קיינעם פונ'ם קייזערליכען פאלאץ. אין כמעט דעם זעלבען מאמענט וואס מיין טעלעפאן האט געהאלטען אין איין קלינגען, האט די דומא קאמיטע, וועלכע האט זיך פערזאמעלט אין מיין וואוינונג, געהאלטען אין אויסארבייטען דעם מאניפעסט, געבענדיג דעם רוסישען פאלק אין אמת'ע פארלאמענטאריע קאנסטיטוציע.

יענע זיינען געווען אויפגערעגטע שטונדען. ווען דער מאניפעסט איז געווען געענדיגט, האב איך איהם אונטערגעשריעבען. איך האב דאן געקראגען די אונטערשריפטען פון די גרויספירשטען קיריל און [illegible] טראגען דעם מעניפעסט אין דער דומא און עס איבערגעגעבען צו מיליוקאוו'ן.

איך האב גלייך אויך געלאזט מאכען א קאפיע פון דעם מאניפעסט און בין דערמיט אוועק אין פאלאץ עס פערזענליך איבערצוגעבען דער צארינא. גלייך ווי זי האט מיך דערזעהען, איז איהר ערשטע פראגע געווען:

,,וואס זאל איך טאהן צו שטילען דעם צארן פון די בייזע גייסטער?״

דערויף האב איך איהר געענטפערט אז די איינציגע רפואה איז צולאזען די גייסטער צורוה ווען זיי זיינען אין כעס. איך בין זיך מודה אז מיין בעמערקונג אין יענעם מאמענט איז געווען גרויזאם און ווייט ניט העפליך, מיין ענטשולדיגונג איז אבער דאס וואס איך האב זיך דאמאלס געפיהלט ווי א קינד, ווען עס בעקומט א שעהנעם שפיעלצייג. איך האב זיך געפיהלט אזוי איבערגליקליך, אז איך האב זיך געוואונדערט וואס די גאנצע וועלט איז ניט גליקליך ווי איך בין דאן געווען.

,,וואו געפינט זיך מיין מאן?״ — האט מיר די צארינא פלוצלונג א פרעג געטהאן מיט פערצווייפלונג אין איהר שטימע — ,,לעבט ער? איז ער געזונד?״

איך האב זיך איהר געהייסען אוועקזעצען און בערוהיגען. אין דער זעלבער צייט האב איך איהר דערלאנגט די נייע קאנסטיטוציע זי זאל עס איבערלעזען. איך האב איהר דאבריי ערקלעהרט אז דעם צאר'ס סעקרעטער האט מיר פערזיכערט אז ניקאלאי וועט אונטערשרייבען דעם דאקומענט. ווען די צארינא איז פערטיג געווארען מיט דעם מאניפעסט, האט זי ערקלעהרט אז זי איז פאלשטענדיג איינשטימיג דערמיט און אז זי אליין וועט זוכען צו בעוועגען דעם צאר ער זאל עס אונטערשרייבען.

דערמיט האט זיך דאמאלס געענדיגט מיין בעזוך ביי דער צארינא. דעם 3־טען מערץ, האט מיך די צארינא וויעדער געשיקט רופען. איך האב נור וואס געהאט געענדיגט לעזען אין די צייטונגען דעם מאניפעסט פון ניקאלאי'ס אבדאנקען פונ'ם טראהן, וועלכער איז מיט א טאג פריהער אויסגעארבייט געווארען אין מיין וואוינונג. איך האב צוזאמען גענומען די צייטונגען און בין מיט זיי אוועק אין קייזערליכען פאלאץ.

ווען די צארינא איז אריינגעקומען, האב איך איהר גענומען פארלעזען דעם מאניפעסט. איך האב נאך ניט געהאט געענדיגט דאס לעזען, ווען זי האט אויסגעבראכען אין א ים מיט טרעהרען און האט צארענדיג אויסגערופען:

,,איך גלויב ניט א ווארט פון אלעם וואס איהר האט דא פארגעלעזען. דאס האבען אויסגעטראכט די לומפיגע צייטונגען. איך גלויב עס ניט און האב פאר זיי קיין מורא ניט. איך פערלאז זיך אויף גאט און אויף דער ארמעע״.

אין יענעם אויגענבליק האט די צארינא מיט זיך פארגעשטעלט, א פאעטישע פיגור. זי איז פאר מיר מעהר ניט געווען קיין צארינא; איך האב זי מעהר ניט בעטראכט פאר מיין געפעהרליכער געגנערין. אין יענעם מאמענט האב איך זיך גאר פערגעסען אז זי האט פערשיקט מיין טהייערען דימיטרי'ן קיין פערזיען.

איך האב זי בלויז געזעהען אלס שוואכע, הילפלאזע פרוי. אין איהר אנגסט און פערצווייפלונג, האט זי נאך געגלויבט אין גאט און אין דער ארמעע. איך האב דארום געפונען פאר נויטיג איהר אויפצוקלערען אז אי גאט אי די ארמעע, האבען גרויסע קריוודעס געגען די ראמאנאוו'ס.

מיינע רייד האבען אבער ווייניג געווירקט אויף איהר. ברעכענדיג די אויגען און ארויסווייזענדיג מורא און צארן, האט זי גענומען שפרייזען הין און צוריק אנדערען צימער, גיסענדיג דאבריי מיט טהרערען ווי א הילפלאזעס קינד.

,,פאהרט צום פראנט — ברייגגט אונזערע געטרייע סאלדאטען!״ — האט זי געוויינט און זיך געבעטען ביי מיר.

ווען איך האב געענטפערט אז דאס איז אונמעגליך, האט זי מיר גענומען בעשולדיגען אז איך בין דער הויפט פערשווערער געגען דער דינאסטי און אז מיין אבזיכט איז צו פערכאפען דעם טראן פאר איינעם פון מיינע זיהן. אזוי גרויס איז געווען איהר אויפרעגונג, אז זי איז געפאלען ערשעפט אין א שטוהל און עס זיינען פערגאנגען אן ערך 10 אדער 15 מינוט איידער זי איז געקומען צו זיך און האט געקענט ארויסריידען א ווארט.

די גאנצע צייט האב איך אויף איהר געקוקט מיט רחמנות און חרטה. עטליכע סעקונדען, איז דיזעס רחמנות געפיהל אין מיר געווארען אזוי שטארק, אז איך האב מורא געקראגען פאר זיך אליין. איך, א זוהן פון צאר אלעקסאנדער דעם 2־טען, האב געשפיעלט די ראליע פון א פערשווערער צו שטירצען פונ'ם טראהן מיין אייניקעל און מיין נעפע צאר ניקאלאי דעם 2־טען!

דיזער געדאנק האט אבער לאנג ניט אנגעהאלטען. איך האב זיך באלד אויפגעכאפט ווי פון שלאף. אנדערע געדאנקען זיינען מיר געקומען אין מח ארויין, דאס פאטערלאנד איז אין געפאהר, ווערענד מיין נעפע איז געווארען א פשוט'ער אידיאט; זיין פרוי, צארינא אלעקסאנדרא פעאדאראוונא, רעגיערט עס איבער רוסלאנד גלייך ווי דאס וואלט געווען איהר פריוואט אייגענטהום; די צוקונפט פון גרויס פירסטען און פרינצען, ווערען ערצויגען אין דעם גלויבען פון גייסטער.

און דער צאר אליין געפינט זיך אין די נעגעל פון דיזען שעדליכען הויף־קרייזן, פון וועלכע זיין נאהענטע און ליעבסטע קרובים האבען איהם ניט געקענט ארויסרייסען. פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען האבען מיר איהם געהאלטען אין איין בעטען ער זאל אוועקשיקען פון זיך די צארינא, זאל ארומקלייבען ארום זיך פעראנטווארטליכע, פערנינפטיגע און פאטריאטישע מיניסטארען און זא רעגיערען איבער רוסלאנד ווי עס פאסט פאר א ווירדיגען, קאנסטיטוציאנעלען מאנארך. אונזערע רייד זיינען אבער געפאלען אויף פוסטע פעלדער און וועלדער. דער טאג פון רעכענונג איז דארום געווארען אונפערמיידליך; זאגאר זיין אייגענע מוטער האט זיך אונטערגעשריעבען אויף דעם מאניפעסט, אין וועלכען מען האט געפאדערט אז ניקאלאי זאל אבדאנקען פונ'ם טראהן.

איך האב זיך אויפגעכאפט פון מיינע געדאנקען, ווען די צארינא איז פלוצלונג געפאלען אויף די קניע און אין אונפערשטענדליכע ווערטער האט זי גענומען בעשווערען די גייסטער אז זיי זאלען איהר קומען צו הילף. ווען זי איז פערטיג געווארען דערמיט האט זי זיך אויפגעהויבען און האט מיר וויעדער גענומען בעטען אז איך זאל פאהרען נאך די געטרייע סאלדאטען, וועלכע געפינען זיך ביים פראנט.

,,אונזער ארמעע איז אונז געטריי״ — האט זי אויסגערופען — ,,דאס פאלק איז אונז אויך געטריי. בלויז עטליכע געצעהלטע באנדיטען און מערדער זיינען געגען אונז!״

ארימע בעשעפעניש! ווי אנדערש זי וואלט גערעדט ווען זי וואלט געוואוסט וואס עס האט זיך אבגעטהאן אין פעטראגראד אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע מאנאטען.

איך האב עס בעטראכט פאר מיין פליכט אויפצוהויבען דעם פארהאנג, וועלכער האט אלעם פערשטעלט פון איהר און איהר קלאהר מאכען מיט דער אמת'ער לאגע. איך האב איהר דערצעהלט אז אלע גענעראלען ביים פראנט, האבען זיך אנגעשלאסען אין דער רעוואלוציאן, אז די ארמעע וועט זיך ניט צוריקקעהרען קיין פעטראגראד און אויב דאס זאל געשעהן, וועלען אלע סאלדאטען גלייך אריבערטרעטען צו די רעוואלוציאנערען.

איך אב איהר אויך ערקלעהרט אז די גאנצע קייזערליכע משפחה האט מסכים געווען אז ניקאלאי זאל אבדאנקען פונ'ם טראהן. איך האב אויך געזוכט מיט גוטען ביי איהר צו פועלען אז זי זאל זיך אונטערווארפען דעם שיקזאל און לאזען אז דער ווילען פון פאלק זאל אויסגעאיבט ווערען.

,,אפילו ווען די ארמעע האט אונז פערלאזט״ — האט אויסגערופען די צארינא — ,,וועל איך אלץ גלויבען און זיך פערלאזען אויף גאט. ער איז אויף אונזער זייט און וועט בעשיצען אונזער טראהן!״

(שלום קומט.)

וואס איהר מוזט וויסען און געדענקען

אז

דער איינציגער פלאץ צו שיקען געלט נאך אייראפא איז דורך

מר. ה. וויינבערג

אז

מר. ה. וויינבערג איז געווען דער איינציגער וועלכער האט איינגעפיהרט אז געלד זאל געשיקט ווערען לויט'ן טאגעס קורס און מען זאל פון'ם עולם ניט רייסען די הויט. און א דאנק איהם האבען אלע די וועלכע האבען געוואלט שיקען געלד געמוזט רעכענען לויט'ן טאגעס קורס.

אז

עס איז בלויז פערבליבען א קורצע צייט צו יום טוב און אייערע קרובים קוקען ארויס אויף אייער הילף.

אז

זיכער, שנעל און גאראנטירט אז דאס געלד קומט אן אין צייט

ווען איהר שיקט עס דורך

מר. ה. וויינבערג

און דעריבער

טהוט וואס אלע טהוען געהט וואוהין אלע געהן

אין אפיס פון

אידישען זשורנאל

און דאן וועט איהר זיין זיכער אז דאס געלד, וועלכע איהר האט געשיקט אייערע קרובים איז אנגעקומען אין צייט

מר. וויינבערגס רעפוטאציע איז א גענוגענדע גאראנטיע דערפאר

איינגע און גענאשטע

היינטיגע געשעפטען

יאנקעל. — וואס מאכסטו, גוטער פריינד, ווי געהען דיינע געשעפטען?

יעקעל — ווי און ספירה.

יאנקעל — איך פערשטעה ניט וואס דו מיינסט.

יעקעל — ספירה, וואס מעהר מען צעהלט, בלייבט ווייניגער, און מען טאהר ניט זאגען יענעם וואו מען האלט.

א ברכת הדיוט

א רב האט חתונה געמאכט א טאכטער, האט ער געגעבען א סעודה צו ארימע לייט. איינער פון די ארימע לייט וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א שטיקעל למדן, האט גענומען א גלעזעל משקה אין האנד און געזאגט צום רב: לחיים רבי! גאט זאל אייך געבען עס' זאל זיין צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם״.

עס שטעהט פריהער ולא ראיתי, בעמערקט דער רב.

דאס האב איך ניט געזעהען, האט דער גרויסער למדן געענטפערט.

קיין צייט און קיין געלד

א מאן עסט אב אין א רעסטאראן א גוטען מיטאג, נאכדעם גיט ער א פרעג ביים ווייטער.

סיי, זאגט מיר, איך בעט אייך וואס טהוט איהר מיט א מאן וואס עסט אב און נאכדעם זאגט ער, אז ער האט קיין געלד ניט צו בעצאהלען?

מיר נעהמען איהם פאר'ן "קארק" — ענטפערט דער ווייטער, מיר ברעכען איהם אן די ביינער און מיר ווארפען אים ארויס.

אט זייט אזוי גוט און מאכט עס גיכער, האט דער מאן געזאגט. ווייל איך האב ניט קיין געלד און ניט קיין צייט.

ער לערנט זיי דרך ארץ.

עס איז אמאל געווען א גרויסער עם הארץ וואס האט געהאט א צורה פון א תלמיד־חכם. איז ער געקומען אין שוהל צו יאהר־צייט, דארט זיינען געווען יונגע לייט וואס האבען ניט געקענט דורכקומען א הארבען ענין אין גמרא, ווען זיי האבען איהם דערזעהן, מיינענדיג אז ער איז א רב, זיינען זיי צוגעגאנגען צו איהם פרעגען, דער עם הארץ האט זיי געענטפערט:

,,דאס איז גוט אז איהר האט גע־ [illegible]

דער כלה'ס שלייער און חתונה רינג סימבאלען

פון פרויען שקלאפעריי

קיין פאסירונג אין מענשליכען לעבען איז ניט פערבונדען מיט אזוי פיעל צערעמאניעס און מיט אזוי פיעל מנהגים ווי דער חתונה האבען.

אמת, אז א חתן כלה ארט דאס ווי די וואנט. עס ליגט זיי ניט אין קאפ די אלע נארישקייטען און זיי זיינען צופריעדען אויף אלץ אבי עס זאל שוין זיין נאך דער חופה און די געסט זאלען פונאנדער פאהרען. נאר א זייטיגער מענש וואס קוקט צו דעם גאנצען חתונה רומעל פערוואונדערט מיט די פלייצעס און וואונדערט זיך פון וואנען האבען זיך גענומען אזוי פיעל צערעמאניעס צו וואס דארף מען זיי און וואס בעדייטען זיי?

אבער "יעדער ווארים האט זיין דארים", זאגען די ווייבער און די צערעמאניעס ביי דער חתונה זיינען אויך ניט גענומען פון פוסטען פאס.

דאס וויכטיגסטע ביי א חתונה איז נאטירליך דער טבעת קדושין, "דער וועדדינג רינג" אהן דעם ריהרט מען זיך ניט פון ארט און ווען די כלות וואלטען געוואוסט די בעדייטונג פון דיעזען רינג, אין וועלכען זיי בענקען אזוי שטארק וואלטען זיי שוין לאנג געמאכט א רעוואלוציאן.

דערפאר איז עס טאקע א גליק וואס זיי ווייסען ניט אז דער וועדינג רינג איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א צייכען אז זיי ווערען צוגעשמידט צו זייער הוא ימשל און זיי פערשפיעלען זייער פרייהייט, אמאהל איז ביי אידען אנשטאט דעם וועדינג רינג געווען אן אייגנאכע מטבע, וואס דער חתן האט געגעבען זיין כלה אלס א צייכען, אז ער האט איהר אבגעקויפט און זי איז געווארען זיין אייגענטהום, ביי אנדערע אלטע פעלקער איז עס אבער צוגעגאנגען נאך גראבער. מען האט אנגעטהאן די כלה א קייטעל אלס א סימן, אז זי ווערט א געשמידעטע, אז זי געהערט צו איהר מאן אליין, נור שפעטער האט מען אנשטאט א קייטעל אנגעהויבען אנטהאן א רינג דאס איז, פערשטעהט איהר מיך א סך ערלעכער און נאך דיעזען רינג בענקט אזוי שטארק יעדער מיידעל.

דער וועיל, דער שלייער, וואס די כלה טראגט צו איהר חופה בעוויזט אויך ניט א זוי שטארק איהר געהויבענקייט. גענומען האט מען דעם מנהג אנצוטהאן א כלה א וועיל פון די אזיאטישע לענדער, וואו די פרויען טארען ניט ציינען זייער געזיכט צו קיין פרעמדען מאן. אזוי לאנג ווי א מיידעל איז נאך א מיידעל, איז נאך פיאק טאק, קען זי געהען מיט איין אבגעדעקטען געזיכט און שטאלציר'ען מיט איהר שעהנקייט, געהסטו אבער צו דער חופה איז אויס מיט דיין שטאלץ, פערוויקעל דעם פנים און זאל די וועלט וויסען אז זי דארף דיר ניט אנקוקען.

דער קראנץ, דער ריט, וואס די כלה טראגט איבער איהר וויעל, איז איינגעפיהרט געווארען פון די אמאליגע טערקען. ביי זיי איז דער ריט געווען פון ארענדזש בלומען און עס איז געווען א מין ברכה פאר די כלה, אז זי זאל זיך פרוכפערען און מעהרען. שפעטער האט מען די בעדייטונג פון דעם ריט פערגעסען, נור דער ריט אליין איז געבליבען.

און טאקע דעם זעלבען טעם וואס דער ריט האט, האט אויך דער מנהג וואס מען בעשיט דעם חתן מיט גערשטען מיט רייז אדער מיט ראזינקעס, מען ווינשט דעם פאר פאלק אז זיי זאלען מקיים זיין די ערשטע פון די תרי"ג מצות.

אין דייטשלאנד איז דער מנהג, אז די כלה טראגט צו איהר חופה א הויפען מיט וויין אדער באלד נאך דער חופה טראגט זי אוועק אין איהרע הויז א לעבעל ברויט. דאס בעדייט אז זיי זאלען האבען פרנסה און רייך ווערען.

עס איז דא א מנהג אין פיעלע לענדער פון אייראפא צו ווארפען אלטע שיך נאך דער כלה'ס קערידזש. פון וואנען דיעזער מנהג האט זיך גענומען, ווייס מען ניט ביז היינטיגען טאג, נור מען רעכענט, אז דאס איז א סמן דאס די כלה וועט זיין א גוטע בעל הבית'טע. זי וועט האבען א פולע הויז צו זיין פעראביים, אז איהרע שיך וועלען זיך שנעל אויסטראגען.

עס פעהלען ניט קיינע צערעמאניעס אויף אידישע חתונות, נור ביי קיין פאלק איז ניטא אזוי פיעל מנהגים ווי בייא קריסטען.

ביי קריסטען איז זאגאר אבגעשטימט די צייט. ווען א פאאר פאלק קען געהן חתונה האבען. אין מאנאט מאי טאר מען ביי זיי ניט חתונה האבען ווייל עס ברענגט אומגליק. אויסער דעם האט זיך יעדער א בעזונדערען סמן פאר די חתן כלה.

האבען זיי חתונה מאנטאג וועלען זיי זיין רייך, דיענסטאג איז אסמן פאר געזונד, מיטוואך איז דער גליקליכסטער טאג פון אלע. דאנערשטאג איז ניט גוט חתונה צו האבען. פרייטאג איז אן אומגליקליכער טאג און שבת איז גאר געניסע צרות.

אן אלמנה איז אויך א מענש און דערפאר געהט עס צו ביי דער חתונה פון אן אלמנה מיט דעמזעלבען רומעל ווי ביי די חתונה פון א מיידעל, נור א שלייער פערשפארט מען איהר צו טראגען.

דערמיט זיינען נאך די חתונה צערעמאניעס ניט געענדיגט. פון דעם טאג פון דער חופה ביז נאך דער האניג וואך, אדער ווי מען רופט עס ביי אידען די שבעת ימי המשתה מוזען די יונגע פאאר אבהיטען געוויסע מנהגים, וואס קענען אן אנדער מענשען ארויסברענגען פון געדולד נור זיי זיינען מיט אלץ צופריעדען אבי שוין חתונה געהאט און זאל זיין מיט מזל.

שעפער וואס זיינען שידוכים און באסעס וואס זיינען שדכנים

באסעס אין די שעפער זיינען ניט בלויז באסעס, זעהר אפט זיינען זיי אויך שדכנים. עס קאן טאקי זיין, אז זיי נעהמען זיך ניט צום הארצען דערפון וואס טאטער איז זייערער אן אפרייטאר אדער אפרייטארקע אן אלטער בחור אדער אן עלטערע מיידעל, אבער קיין שלעכטעם מיינען זיי יעדענפאלס ניט.

און אסור ווען זיי זוכען שדכנות געלד. אלעס, וואס זיי ווילען, איז צו פערשלייפען זייערע א קרובה אדער גלאט א לאנדס מיידעל, וועלכע עס קומט שוין א חתן. פיעלע באסעס טהוען דאס, ניט ווייל זיי זיינען געטריי זייער שוועסטער, שוועגערען אדער קוזינע און ווילען זי שוין זעהן ביי א תכלית. ניכער מיינען זיי. אז זיי זיינען געצוואונגען צו ווערען שדכנים. אז אויפגעקומענער עושר מיינט, אז עס איז א שאנדע פאר איהם, וואס זיינע א שוועסטער אדער אן אנדער נאהנטער קרובה "זיצט", ער מיינט, אז ער דארף זעהען זי גו פערשלייערען. אויב ער אליין מיינט ניט אזוי ניט איהם די ווייב דאס צו פערשטעהן און אמאל די שוועסטער אליין. מען האט אזא רייכען ברודער און מען קען ניט צוקומען צוא שדוך.

מען דערצעהלט פון א היגען קלאטהינג מאנופעקטשורער, וועלכער האט זיך שוין געהאט ארויפגעארבייט צו קענען האלטען א דיענסט און צו וואוינען אזי ראזדייל נעגענד. איז אין שאפ ביי איהם האט אויך געארבייט זיין ווייב'ס א קוזינע, א ניט זעהר שעהנע מיידעל, וועלכע האט אליין מודה געווען, אז זי איז שוין 25 יאהר. לאנדסלייט האבען געזאגט, אז זי איז שוין 33. די מיידעל האט האסטאנדע וועט מיטן שאפ אויף וואס די וועלט שטעהט. געמיינט האט זי, אז דאס ניט איהר צו מעהר חן. אבער ווי אויף להכעיס האבען זי די מיידלעך דארט געהאסט, און די באים האבען זיך אויף איהר גלאט ניט אומגעקוקט. ערקלעהרט אי איהר ליעבע [illegible]

— נייז. — פלעגט ער ענטפערען מיט א זיפץ, גלייך ווי ער וואלט דא שולדיג געווען.

— נו, ווען וועט איהר אונז שוין בעטען צו אייער קוזינע אויף דער חתונה?

— פלעגען בעקאנטע פרעגען דעם באס, ווייב, בשעת זיי פלעגען דארט אנקומען איהר נייע "קאט גלעס".

— עס מאכט זיך נאך ניט. — פלעגט זי ענטפערען טרויעריג. — וואס קען מען טהון?

ביי ביידען ביים באס און ביי זיין ווייב. איז פון דיזע פראגען געבליבען, אז פאר זיי פאסט ניט וואס די מיידעל איז נאך קיין כלה ניט. עס איז זיי דאך קיין עין הרע אזוי גוט. פארוואס זשע זעהען זיי ניט א שדוך טהון מיט זייער א־עמער קוזינע!

— אלרייט, מיר'ן זעהען. — פלעגט דער באס בעשליסען.

דערווייל אבער האט ער אנגעהויבען בעמערקען, אז די קוזינע שארט זיך צו איינעם פון די האלבע בעלי מלאכות אין שאפ. א בילד שעהנער באי פון א יאהר 22 מיט אז אונשולדיגע געזיכט ווי ביי א חסידישען אינגעלע.

"מהיכא תיתא". — האט זיך דער בעל הבית געקלעהרט. — זאל זיין דער, ער פערדיענט אפילו ניט מעהר ווי 6 דאלאר א וואך און די ערשטע צייט וועט מען זיי דארפען געבען א פאאר דאלאר. נו, וועט קאסטען א פאאר גראשען. וועט מען אבער דערפאר ארויס'פטור'ן אזא טראבעל פון קאפ. אי זי זעהט דאך אויס אזוי אלט, אז זי וואלט געקענט זיין זיין מאמע? וועל. זאלען זיי זיך פערדרעהען זייערע קעפ. וועמען ארט עס?

און ניכער האט דער באס געמאכט א שמועס מיט דעם אפרייטאר, איהם ערפרעגט, וואס פאר א לאנדסמאן ער איז, ווי לאנג ער איז אין לאנד, צי האט ער דא עלטערען, א. ז. וו. אויף דעם נעקסטען [illegible]

THE DAILY HEBREW JOURNAL

L. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

SUBSCRIPTION RATES: $5 00 PER YEAR
SINGLE COPY 2c.

Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

דער טאג פון ארבייט

צום פינף און דרייסיגסטען מאהל אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג, ווערט היינט געפייערט דער טאג פון ארבייט — "לייבאר דעי".

דער טאג פון ארבייט איז היינט. און אנערקענט ווערט ער ניט נור פון די ארבייטער-מאסען, נאר עס היטען איהם אויך אב די ברייטע בעפעלקערונג. אפילו יענע, וועמענס אינטערעסען זענען אין געגענזאץ צו ארבייט און ארבייטער יום טובים. און אין דארין ליעגט אפשר זיין טראגעדיע — די גאנצע מאכטלאזיגקייט פון דער אמעריקאנער און קאנאדער ארבייטער-בעוועגונג, וואו דער יום טוב ווערט אבגעהיט.

אן ארבייטער יום טוב איז קודם כל אן אויסדרוק פון ארבייטער סאלידאריטעט, דער אויסדרוק פון געמיינזאמע אינטערעסען, יענע אינטערעסען וועלכע וויסען ניט פון פאליטישע גרענעצען, און שטייגען איבער יעדע אבצוימונגען, איז דארום דער יום טוב פון ארבייט אן אלגעמיינער, און נעהמט ארום פערשיעדענע לענדער און פעלקער. דאס איז דער ערשטער מאי און ווען דיעזער יום טוב ווערט געפייערט, ווייסט מען אז דאס איז א יום טוב ניט פון ליעבעס-ערקלעהרונגען, נאר א טאג פון רעכנונג, ווען די ארבייטער-מאסע ציהט אונטער איהר חשבון מיט איהרע אונטערדריקער, און גרייט זיך פאר א יאהר פון נייער טהעטיגקייט, וואס זאל פיהרען צום ציעל — איהר בעפרייאונג. איז מאכט דארום יענער יום טוב פון קיינעם ניט קיין אנערקענטער, חוץ פון די ארבייטער-מאסען זעלבסט, ווייל ווער וויל עס אונטערשרייבען זיין אייגענעם טויט-אורטהייל.

ווי אנדערש איז אבער דער ערשטער מאנטאג פונ'ם חודש סעפטעמבער, וועלכער ווערט אבגעהיט פון די ברייטע אמעריקאנישע און קאנאדישע ארבייטער-מאסען. עס איז דער טאג פון ברודער-ליעבע, אבוואהל די ליעבע איז בלויז מיט'ן מויל, און אויף מארגען ווערט די אונטערדריקונג פארגעזעצט גאנץ אונבארמהערציג. אלע פייערען דעם ארבייטער יום טוב, אבער דאס האלט ניט צוריק פון מאכען בלוט-בעדער, הענגען ארבייטער פיהרער, און אנפיהרען אן ארגאניזירטע טהעטיגקייט, וואס שטרעבט די ארבייטער-ארגאניזאציעס צו פערניכטען. און אויך דיעזע אלע מענשען, די שונאים פונ'ם ארבייטער, פייערען היינט דעם טאג פון ארבייט, און מאכען איהר היינט קאמפלימענטען.

עס איז א שעהנער ווין דיעזע ערשיינונג, אבער אויך גענוג טראגיש, און טראגישער איז עס נאך מיט דעם, וואס מען וויל עס ניט איינזעהן.

וועט עס וויעדער קומען צו א ברודער קריעג

אין דעם זכרון פון יעדען איינעם איז נאך פריש דער ברודער-קאמף, וואס איז פארגעקומען ביי די קאנאדער אידען. און די רעזולטאטען פון דיעזער ברודער-מחלוקה, אלע האבען עס בעדויערט. אלע האבען איינגעזעהן די שעדליכקייט דערפון און דאך געפינען מיר זיך יעצט וויעדער אויפ'ן שוועל פון א נייעם ברודער-קריעג. און אויך דאס מאהל צווישען די זעלבע עלעמענטען, און צוליעב דערזעלבער אורזאכע — די קאנגרעס בעוועגונג.

די קאנגרעס-בעוועגונג האט אויפגעלעבט, א וועג ווערט יעצט געזוכט ווי אזוי דיעזע אידעע צו פערקערפערען אינ'ם לעבען, און וויעדער האלט עס ביי א צוזאמענשטויס צווישען די פאלקס-עלעמענטען און די ציוניסטישע פעדעראציע, טראץ דעם וואס די קאנווענשאן פון דער לעצטער האט ערשט אין חודש יולי בעשלאסען, אז עס איז דער חוב פון דער פעדעראציע זיך צו בעטהייליגען אינ'ם קאנגרעס.

טאראנטא איז יעצט דער צענטער פון דער קאנגרעס-בעוועגונג, און טאראנטא איז לעצטענס פארגעקומען א בעראטהונג אין וועלכער עס האבען זיך אויך בעטהייליגט די פעדעראציע-פערטרעטער, א רייהע בעשלוסע זענען אנגענומען געווארען, וועלכע ווערען אלע איבערגעגעבען צו א רעפערענדום, אבשטימונג, און דאך האט די פעדעראציע יעצט ערקלעהרט, אז דאס אלעס איז ניט-דעמאקראטיש, און זי מוז זיך צוריקציהען, אבוואהל עס איז נאך א הארבע פראגע, ווער-עס זינדיגט אין הזכות דעמאקראטיע — וואס, דאס האט געוויס געזאלט זיין דער לעצטער ארגומענט ארויס געשטעלט צו הערען פון דער ציוניסטישער פעדעראציע.

מיר ווילען יעצט ניט אריינגעהן אין די אלע טענות, וואס איין צד שטעלט ארויס געגען דעם צווייטען, זיכער איז אבער, אז מען קען קומען צו א פערשטענדיגונג, אויב מען וויל נור, און וועט מען זיך נאר דערמאהנען אין די טרויריגע רעזולטאטען פונ'ם ערשטען ברודער-קאמף, וועט ווער קענען בעשליסען ביי זיך, ניט צו וועלען קומען צו א פערשטענדיגונג.

די אונטערשיעדען צווישען ביידע צדדים זענען יעצט פיעל קלענערע ווי געוועזען, א וועג פאר אויסגלייכונג איז יעצט פיעל לייכטער, און וועט מען נאר קיין עקשנות ניט וועלען פיהרען, קען ניט ווייט זיין דער טאג, ווען די קאנאדער אידען זאלען האבען א אידישען קאנגרעס.

וועט מען נאך אלעס פיהרען די עקשנות-פאליטיק, און פעראורזאכען א צווייטען ברודער-קריעג — עס ווילט זיך ניט גלויבען דאס לעצטע.

איז מעגליך הארמאניע?

פערשיעדענע זיך-ווידערשפרעכענדע בעריכטען קומען אן פון רוסלאנד, וועלכע וויסען צו דערצעהלען אי פון דער געוויינשטער איינגקייט און אויך וועגען דעם, אז עס ארגאניזירט זיך א נייע פארטיי, וואס שטרעבט אבצורייסען די הערשאפט פון דעם יעצטיגען ארבייטער און סאלדאטען ראטה, און אז דער לעצטער שווייגט אויך ניט, און זעהט זיך אויך צו פערפעסטיגען.

און וויל מען וויסען אויף וועמענ'ס זייט דער אמת איז, מוז מען עס זוכען אין די צווייטע בעריכטען, אין די וועלכע דערצעהלען וועגען דעם קאמף פאר הערשאפט. רעוואלוציאנס-בעגייסטערונג קען העכסטענס אנהאלטען ביז וואנען דער בעשטעלטער ציעל ווערט פערווירקליכט, און כל זמן דער ציעל פון דער רוסישער רעוואלוציע איז ניט געוועזען דערגרייכט, האט מען אינ'ם מאמענט פון בעגייסטערונג געקענט פערקוקען אויף די פערשיעדענע געגענזאצען אין די עלעמענטען פון דער רעוואלוציע. דער צאריזם ווייזט אבער אויס צו זיין שוין פאלשטענדיג בעזיעגט, און דער תהום צווישען די פערשיעדענע קלאסען, הויבט דארום שוין אן בולט און קלאהר צו ווערען.

און דערצעהלען בעריכטען וועגען אן אזוינס געטראכטענער הארמאניע אין רוסלאנד, איז עס בלויז א לפנים'דיגע, ווייל נאך די בעגייסטערונג מוז קומען דער קאמף פאר'ן רווח, דער קאמף פאר דעם צו וועמען עס זאלען געהערען די פרוכטען פון דער רעוואלוציאן.

ווי אזוי די פרייהייט האט זיך ענטוויקעלט אין רוסלאנד

פון גראף איליא טאלסטאי

(אידיש פון ח. ש.)

מיט דעם צוזאמענברוך פון דער ראמאנאוו דינאסטיע אין רוסלאנד איז אונטערגעגאנגען די שטארקסטע פעסטונג פונ'ם אבסאלוטיזם. קיין איינציגע פון די אלע זיעגען אויף אירגענד וועלכע "פראנט" פון דער איצטיגער שרעקליכער מלחמה קען זיך פערגלייכען אין וויכטיגקייט מיט דעם מערקווירדיגען טריאומף פון דער רוסישער נאציאן. דאס איז געווען כמעט א בלוטלאזע רעוואלוציע, און איז כמעט גאר ניט געווען פאחבריים. 180 מיליאן מענשען וועלכע זיינען ערשט נעכטען געווען שקלאפען פון איינער פון דער דעספאטישסטער מאכט אויף דער וועלט זענען היינטיגען טאג פרייע בירגער פון א פרייעם רוסלאנד.

דאס איז ניט בלויז דער טריאומף פון א נאציאן, דאס איז דער זיעג פון א אידעאל, פון פרייהייט; און דערפאר איז דאס דער טריאומף פון דער גאנצער מענשהייט.

ווען מען וואלט מיך געפרעגט: זענען עס די מוזשיקעס וואס האבען אינספירירט די דאזיגע רעוואלוציע? וואלט איך געענטפערט ניין: אונזערע מוזשיקעס האבען ניט געהאט קיין שטימע, זיי זיינען געווען געדולדיג, און אפאטיש אין זייערע פינסטערע ליידען.

זענען דאס געווען די רוסישע אדעל-לייט? ניין: ווארום טראצדעם וואס זיי האבען געוואוסט דאס א סך ניט ריכטיגע זאכען ווערען געטהאן אין לאנד, און די מעהרסטע פון זיי האבען מודה געווען דאס עס זענען נויטיג רעפארמען, האבען זיי אבער געדאנקט דאס עס איז גליכער די אלע ענדערונגען אבצולייגען ביז נאך דער מלחמה.

איז אפשר די רעוואלוציע ארויסגערופען געווארען פון דער ארמיי? ניין: ווארום די ארמייען זיינען געוועזען פערטיטהאן אין א מוטהיגען קאמף מיט אן אויסערליכען שונא און סאלדאטען דארפען אלע מאהל זיין דיסציפלינירט און געוויסענהאפט. און ניט אנטהייל צו נעהמען אין רעוואלוטירען געגען זייערע הערשער אין דער צייט פון א מלחמה וועלכע שטעלט אין סכנה זייערע פאמיליען און זייערע היימען.

זענען דאס אפשר געווען בלויז די דומא רעפוטאטען אדער די ארבייטער פיהרער? און ווידער ענטפער איך אז ניין.

די גלאררייכע רוסישע רעוואלוציע איז ארויסגערופען געווארען ספעציעל פון דער שטענדיגער פערמעהרענדער אינטעלעקטועלער אויפקלעהרונג פון דער גאנצער רוסישער נאציאן, און דאס איז די אורזאכע צוליעב וועלכער דער קלימאקס איז געקומען אזוי פלוצלינג און אזוי אונערווארטעט.

איידער איך וועל רעדען וועגען דער איצטיגער לאגע אין רוסלאנד מוז איך זאגען א פאאר ווערטער וועגען די געדאנקען פון מיין פאטער, דער פערשטארבענער לעא טאלסטאי וועלכע האבען א שייכות מיט די לעצטע פאליטישע ענדערונגען.

ער האט קיינמאהל ניט מסכים געווען צו א רעוואלוציע וועלכע וויל איבערבייטען די פארמען פון דער רעגיערונג דורך געוואלט. ער פלעגט זאגען דאס די מעטהאדען וועלכע ווערען געפרעדיגט פון די רעוואלוציאנערען זיינען פונקט דער היפוך פון דעם אמת'ן קריסטענטהום, און טראצדעם וואס עס דאכט זיך אויס דאס די מעטהאדען זענען ענליכע איז אבער דער אמת דאס צווישען זיי עקזיסטירט אזא ווייטער חלוק אזוי ווי צווישען מזרח און מערב.

אין גלויבענדיג בלויז אין די לעהרען פון קריסטוס, וועלכער איז געווען ביי איהם דער העכסטער אויסדרוק פון ליעבשאפט און מענשליכער ברידערליכקייט, האט טאלסטאי שטארק געהאלטען פון דעם קריסטליכען אידעאל, פון ניט ווידערשפעניגען און האט דערפאר פערווארפען און פעראכטעט דאס געברויכען פון א יעדער פיזישער מאכט, און דערפאר האט ער ניט מסכים געווען מיט קיין איינציגער פארמע פון רעגיערונג. ווארום א רעגיערונג קען ניט עקזיסטירען אהן דער הילף פון מאכט.

און לאמיר ניט קיין מורא האבען צו קוקען דער ליכטיגקייט אין די אויגען. לאמיר ניט קיין מורא האבען מודה צו זיין די חסרונות פון אונזערע מענשליכע אינסטיטוציעס. לאמיר עפענען אונזערע מחות ברייטער צו דעם ליכט פון אמת, און מיר וועלען דאן קענען זעהן פאר אונז אליין דאס מיר זיינען ניט אויף'ן דרך הישר און דאס מיר זיינען פערבלאנדזשעט געווארען.

די אורזאכען פון די מענשליכע אונגליקען זיינען טיעף איינגעווארצעלט אין די פעהלערען פון דער מענשליכער נאטור, אין זיינע אימפערפעקטע אינסטינקטען, און אין דער גרויסער שווערינקייט וואס ער האט אין זיין קאמף צו בעפרייען זיך פון זיי. דער שטארקסטער און צום מעהרסטען פערניכטענדער אינסטינקט פון אלע איז דער אינסטינקט פון עגאטיזם און איידער דער דאזיגער אינסטינקט איז פערניכטעט ווי אזוי קענען מיר דען אפילו פרעטענדירען צו פרעדיגען ליעבשאפט, ברידערליכקייט אדער די פרייהייט פון דער נשמה.

דער דאזיגער אינסטינקט ווען ער ווייזט זיך ארויס ביי אן איינציגען מענשען רופען מיר דאס עגאטיזם אבער ווען דאס בעווייזט זיך ביי א גאנצער נאציאן דאן רופען מיר דאס אן פאטריאטיזם, אדער נאציאנאליזם.

און דאס איז דער דאזיגער אינסטינקט וועלכער סעפערירט פעלקער און טהיילט זיי פארנאנדער אין נאציאנאליטעטען, און דער דאזיגער סענטימענט פון נאציאנאליזם ווערט אנגעצונדען און פערהערליכט פון אלע רעגיערונגען פון דער וועלט און דער רעזולטאט איז דער קאמף פון דעם איינצעלנעם מענשען געגען דעם דאזיגען סענטימענט ווערט באמת זעהר שווער, בלויז די יעניגע וועלכע זיינען דערגאנגען צו א העכערער מדרגה פון אידעאלען האבען די מעגליכקייט צו קריגען א ברייטערען בליק און בעסער זעהען דעם דאזיגען איבעל.

לעא טאלסטאי האט געגלויבט דאס אזוי לאנג ווי ארמייען און רעגיערונגען עקזיסטירען איז דאס אבשאפען פון מלחמה אן אונמעגליכקייט. דעם דאזיגען גלויבען האט ער ארויסגעזאגט אין דער עפענטליכקייט נאך דער האאגער קאנפערענץ. עס איז איבעראל בעוואוסט דאס טאלסטאי האט ניט געגלויבט דאס מען קען ברענגען שלום דורך צוואנג. ווארום לויט זיינע איבערצייגונגען איז צוואנג אן איבעל און איז דיאמעטריש אין געגענזאץ צו ליעבשאפט און פריעדען און דאס פון אן איבעל קען קיינמאהל ניט ארויסקומען קיין גוטעס.

און טראצדעם וואס עס איז אונמעגליך אבצושאפען מלחמה דורך אויסערליכע מיטלען, דאך מוז עס אבגעשאפט ווערען. עס איז שוידערליך צו דענקען דאס די מענשהייט וועט פארזעצען צו געהן אויף די פינסטערע וועגען פון דער פערגאנגענהייט. אבער וועלכעס איז די רפואה? און וואו איז דער דרך הישר?

דער ענטפער פון לעא טאלסטאי וואס ער האט געגעבען איז געווען קלאהר און בעשטימט. דער איינציגער בייצוקומען אן איבעל איז דורך ארויסרופען אין יעדען מענשען טהעטיגקייט פון דער העכסטער טוגענד פון דער מענשליכער ראסע, די טוגענד פון ליעבשאפט און זעלבסט פערלייקענונג — און די דאזיגע טהעטיגקייט קען בלויז דערגרייכט ווערען דורך דעם מיטעל פון אינדיווידועלער זעלבסט ענטוויקלונג. דאס דאזיגע איז אין איינקלאנג מיט די לעהרען פון קריסטוס און פון אלע גרעסטע חכמים אין דער וועלט.

איך ווייס די גאנגבארע טענה אז דאס איז ניט מעהר ווי אן אוטאפיסטישער אידעאל וועלכער וועט קיינמאהל ניט פערווירקליכט ווערען. איך ווייס דאס, אבער איך ווייס אויך דאס ווען די חכמים פונ'ם מזרח וואלטען ניט געווען געזעהן דעם שטערען אויפ'ן הימעל וואלטען זיי אויך ניט געווען געפונען קריסטוס'ן און דערפאר זאג איך, דאס יעדער טריט צו אן אידעאל איז א טריט צו דער רעאליזירונג פון דעם אידעאל צו עטאבלירען גאטס קעניגטהום אויף דער ערד און צו דיעזען אידעאל דארפען אלע גאטס קינדער שטרעבען. מיר קענען ניט אוועקמאכען מיט'ן האנד די דאזיגע בעלי חלומות, ווארום עס איז פון אזעלכע בעלי חלומות ווי קריסטוס, בודא, קאנפוציוס, סאקראטעס, און אנדערע פון וועמען די מענשליכע ראסע האט געקראגען דעם גרעסטען און טייערסטען אינטעלעקט און מאראל אלס ירושה.

יעדער נאציאן האט איהר אייגענע היסטאריע, און האט געהאט דורכצומאכען איהר אייגענעם קאמף נאך פרייהייט. עס איז אמאהל בעהויפטעט געווארען דאס יעדעס פאלק האט אזא רעגיערונג ווי דאס פאלק פערלאנגט, דאס אלעס מעג זיך זיין אן אמת אבער מיט יעדער שטופע וואס די איינצעלנע מענשען וועלען בעשטעלען צוזאמען די נאציאן, ענטוויקלען זיך, ווענדען זיי אן דעם שווערסטען קאמף ארונטערצוווארפען די קייטען פון שקלאפעריי און די רוסישע נאציאן די א לאנגע צייט געקעמפפט.

רעדענדיג וועגען דער איצטיגער רעוואלוציע וויל איך דערמאהנען מיינע אמעריקאנישע לעזער דאס דער אידעאל נאך פרייהייט איז געפרעדיגט געווארען פון די נייסטע אנפיהרער [illegible] נאך מיט א גאנץ לאנגער צייט צוריק. אפילו נאך פריהער פאר דעם איינפלוס פון דעם נייגצעהנטען יאהרהונדערט האבען אונזערע גרויסע פראזא שרייבער און פאעטען געליטען פון פערפאלגונג פון אונזער דעספאטישער רעגיערונג.

און אין דער שפעטערדיגער צייט, אונטער דער הערשאפט פון ניקאלאי דעם ערשטען, האט זיך ענטוויקעלט א רעוואלוציאנערע בעוועגונג צווישען דער אדעל-בעפעלקערונג, וועלכע איז בעקאנט אין דער געשיכטע אלס די דעצעמבער קאנספיראציע, און דער רעזולטאט איז בלויז געווען דאס וואס די אנפיהרער זיינען ארעסטירט געווארען און פערשיקט געווארען קיין סיביר. די מעהרסטע פון זיי זענען געווען גרויסע מענער, פראמינענטע פון געבורט, דורך זייער בילדונג, דורך זייערע הויכע אידעאלען און צוליעב זייערע גרויסע אויפטהואונגען, איינער פון יענע איז געווען דאסטאיעפסקי.

די דאזיגע מענשען זיינען געווען פון די נאבעלסטע כאראקטערען פון אונזער לאנד, און נאך ביז'ן היינטיגען טאג ווערען די קינדער און אייניקלאך פון יענע מענשען פערעהרט אין גאנץ רוסלאנד פאר דער זעלבסט אויפאפפערונג פון זייערע עלטערען.

נאך דער דאזיגער פאסירונג האט די רעאקציע אנגעהויבען בושעווען מיט נאך א שטארקערע מאכט. די גאנצע פעריאדע וואס ניקאלאי דער ערשטער איז געזעסען אויפ'ן טראהן איז בעקאנט אלס די רעאקציאנערסטע אין דער גאנצער רוסישער היסטאריע. די קרימער מלחמה האט בעוויזען דאס רוסלאנד איז דאס אבגעשטאנענסטע לאנד פון אלע איראפעאישע נאציאנען, און דאס איז געווען די אורזאכע פון דער מפלה. אזוי אלס רעזולטאט איז דאן אלעקסאנדער דער צווייטער געווען געצוואונגען צו בעוויליגען פרייהייט צו דעם רוסישען פויערטהום. דאס איז געווען אין יאהר 1861, בלויז מיט 56 יאהר צוריק און אלס אנערקענונג פאר זיין האנדלונג האט דאס רוסישע פאלק געקרוינט אלעקסאנדער דער דעם צווייטען מיט דעם טיטול "משיח".

(פארזעצונג קומט)

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער רעדאקטאר פון „אידישען זשורנאל"!

ערלויבט מיר דורך אייער צייטונג צו בעמערקען עטליכע ווערטער די טאראנטאר אידען בנוגע דעם פאלקס פעראיין.

איהר אידען רחמנים בני רחמנים, ווי קענט איהר צוזעהען ווי אזא טהייערע און נאבעלע אינסטיטוציע, כמעט דער איינציגער אין שטאדט שטעהט אויף דער שוועל פון אונטערגאנג און זיין דערצו גלייכגילטיג, גלויבט מיר אז עס טריפט זיך אין מיר מיין בלוט אויף דעם יעצטיגען קריטישען צושטאנד פון פעראיין ווי וויסענדיג מיט וויפיעל שווייס די ארימע ארבייטער האבען דיעזען פעראיין צוזאמענגעשטעלט, ביז מען האט שוין הערלעבט צו זעהען די גוטע פרוכט פון דיעזער פלאנצונג. און יעצט — וואס איז די ענדע? ווארום זענען אייערע הערצער זא פערשטיינערט געווארען און איהר קימערט זיך גאר ניט וועגען די ליידענדע. אט באלד וועט איהר בעטען ביי גאט מיט הייסע טרעהרען. ככלות כוחנו אל תעזבנו. מיט וואס פאר א רעכט וועט איהר דאס קענען פאדערען אין דער צייט ווען איהר זעלבסט ערפילט ניט אייער פליכט צו די נויטבעדערפטיגע.

איך אפעליר צו אייך פון טיעפען הארצען לאזט ניט פאלען דיעזען פעראיין, ווען עס איז נאך צייט, דערנאך וועט שוין צו שפעט זיין. און ווען די טהירען פון דיעזער אינסטיטוציע זאלען ח"ו דארפען פערשלאסען ווערען, וועט דער הארץ-רייסענדער געשריי פון די קראנקע זעהר גרויס זיין, און איהר וועט קיינמאהל ניט קענען זאגען ידינו לא שפכו את הדם הזה ווייל נאר איהר וועט זיין די הויפט שולדיגע אין דעם, ניט די בעאמטע און מיטגליעדער פון פעראיין, ווייל אויב איהר ווילט ניט שטיצען דיעזע זאך, וואס קענען זיי העלפען.

מיט אכטונג,
מארים קראנזילבער.

באארד רום סורווים

די פרייז באארד אין אונזער באארד רום ווייזט איצט גלייך
די פרייזען פונ'ם ניו יארק סטאק עקסטשיינדזש
די ניו יארקער קורב עקסטשיינדזש
די טאראנטא סטענדארד עקסטשיינדזש
מיר וועלען זיין צופריעדען אז איהר וועט זיך בענוצען מיט אונזערע באקוועמליכקייטען, פריוואטע ווייערס פערבינדען אלע אפיסעס אין טאראנטא — ניו יארק — פילאדעלפיא, האמילטאן און לאנדאן
KEMERER, MATTHES & CO.
108 BAY STREET - - - - - TORONTO

דער אמת וועגען רוסלאנ

דער געוועזענער סאציאליסט טשארלס עדווארד ראסע
וועלכער איז געוועזען איינער פון רוט'ס קאמישאן נא
רוסלאנד ערקלעהרט די אמת'ע לאגע פון יענעם לאנ

ווארום איז רוסלאנד מעהר ניט בעגייסטערט צו פארזעצען די יעצטיגע קריעג? ווארום זיינען די בעפרייטע רוסען אזוי פאסיוו, אזוי גלייכגילטיג צו אלע רעזולטאטען וואס עס וואלט זיי געגעבען אן ערהרענהאפטען זיעג איבער די צענטראלע מעכטע?

די מלחמה פאטריאטישע פרעסע פון לאנד ערקלעהרט דאס פון איהר שטאנדפונקט אז דאס איז די שולד פון די עקסטרעמיסטען, די היי-קעפ, די אנארכיסטען וועלכע פרובירען אונצופריעדענהייט צווישען פאלק. דאס געוועהנליך איז ניט מעהר ווי א השערה פון זיי וועלכע זיי בענארבען מיט מליצות, אדער זיי "פעררעדען אזוי די צייהן", אז ביים ניט איבערגעשפיצטע לעזער, ווייזט דאס אויס אלס א זיכערהייט, אלס אן אונבעשטריטענער ב'ע' אמת.

עס איז אבער כדאי זיך אבצושטעלען אויף אן ארטיקעל וועגען רוסלאנד אין דער שיקאגא'ר איווונינג פאסט, פון דעם געוועזענעם סאציאליסט טשארלס עדווארד ראסעל וועלכער איז געווען איינער פון רוט'ס קאמיסיע נאך רוסלאנד און האט אויסגעשטודירט די דארטיגע לאגע.

מר. ראסעל איז אפילו אויך א מלחמה-פאטריאט, און וואלט ווינשען אז רוסלאנד זאל פארזעצען איהר קאמפף געגען דייטשלאנד, אבער אין דערזעלבער צייט זעהט ער דעם אמת ניט פערבארגען וועגען יענעם לאנד און איז עס דן לכף זכות. ער דערצעהלט צום ביישפיעל דעם ערשטוינענדען פאקט, אז אין דער יעצטיגער מלחמה האט רוסלאנד פערלארען זיבען מיליאן (7,000,000) מענשען אין טויטע און אין פערוואונדעטע.

דאס איז א שוידערליכער ציפער און א גרויל נעהמט דורך דאס לייב. דאס איז א צאהל וואס דערגרייכט כמעט די גאנצע בעפעלקערונג פון בעלגיום אדער רומעניע, אדער גאנץ קאנאדע.

און מר. ראסעל זאגט אז ווען אן ענגלענדער אדער אן אמעריקאנער לעקטשורט פאר די רוסען וועגען די וויכטיגקייט זיי זאלען פארזעצען די מלחמה און א רוס בעמערקט זיי קאלטבלוטיג דיעזען פאקט, געפינט דער ענגלענדער אדער אמעריקאנער מעהר קיין ווערטער ניט פיר זיין געשפרעך.

ניט קוקענדיג אויף דיעזע שרעקליכע פערלוסטע, זאגט מר. ראסעל, וועט רוסלאנד פארזעצען די מלחמה, אבער זי וויל וויסען פאר וואס זי קעמפפט. צום ביישפיעל, זאגט ער ווייטער, אז רוסלאנד קימערט זיך ווינציג וואס פאר קאנסטאנטינאפאל און א ווארימען וואסער-האפען. די נאראנים, קענען דאס גאר נישט פערשטעהן. א ווארימער וואסערהאפען וואלט דאך געמיינט אזוי פיעל פאר דער צוקונפטיגער שפע און קאמערץ פון רוסלאנד. געגענווערטיג זיינען איהרע האפענס אויף איהר אייראפעאישער זייט איינגעפרארען פון פינף ביז זעקס חדשים דורכ'ן יאהר און דאס געוועהנליך שטערט איהר קאמערציעלע ענטוויקלונג. וואלט זי געהאט קאנסטאנטינאפאל, וואלט זי וואהרשיינליך געקענט אויסשפרייטען איהר איינפלוס און קאמערץ איבער דער גאנצער וועלט.

דער טיפישער רוס ווייסט דאס זעהר גוט. אבער ער קימערט זיך ניט וועגען דעם. דער פאקט איז, ערקלעהרט מר. ראסעל, אז דער רוס קימערט זיך ניט, אז זיין פאהן זאל פלאטערן איבער אלע זייען ימים. ער האט ניט די קלענסטע אינטערעסע וועגען דעם, אז רוסלאנד, וואלט מיט אן אפענעם ברייטען האפען געקענט ארויסטרייבען ענגלאנד פון איין וועלט-מארק און אמעריקא פון דעם צווייטען.

ער איז ניט אויפגערעגט פון דעם וואס פוילען איז פארלארען פיר רוסלאנד. אויב די פאליאקען ווילען האבען א בעזונדער היים, מהיכא תיתי, זאלען זיי זיין בעזונדער.

"אבער דאס איז ניט ביי איהם בלויז א שטימונג, ער דענקט, אז עס איז א גרויסע עולה צו זיין פערטהאן אין בעזיגען לענדער, אין איינטיילען לאנד פאר מען און ביי זיך איז ער פעסט בעשלאסען, אז ער וואלט דאס אויף קיין פאל ניט געטהאן".

אבער אויב אזוי, טא וועגען וואס קימערט ער זיך יא? וואס בעוועגט איהם יא? — פרעגט אין זיין ארטיקעל מר. ראסעל.

און ער ענטפערט אויף זיין פראגע: "דעמאקראטיע און זיין טרוים פון אל-וועלטליכען ברידערשאפט און גוטער ווילען. ער וואלט געגען קיינעם ניט געקעמפפט, אום צו געווינען א טויזענד ווארם-וואסער האפענס; ער וואלט קיין בלוט ניט פערגאסען אום צו פערגרעסערען זיין טעריטאריע אדער זיין האנדעל. ער וועט אבער קעמפפען אזוי שווער ווי אירגענד וועלכער מאן אין דער וועלט, און פיליכט נאך אביסעל שווערער, אויב ער דענקט אז זיין דעמאקראטיע איז אין געפאהר אדער די רעוואלוציע, דאס ליכט פון זיין נשמה און דער אטהעם פון זיין לעבען, זאל אומגעוועלצט ווערען".

און בעאורטיילענדיג רוסלאנד, קומט מר. ראסעל צו דער איבערצייגונג, אז א נייע קראפט האט זיך בלויז געבראכען דיעזער וועלט. אז א גרויסער וועלט דעאל איז פערווירקליכט געווארען איהר.

"רוסלאנד, זאגט ער ווייטער, עס גאנץ ערנסט און זי שטרעבט צ ווירקליכען איהר סאציאלע פילאז אין דעם לעבען. איך ווייס, אז דיע הויפטונג איז ניט אזעלכע וואס זאל איז אנקלאנג מיט'ן אנגענומענעם גל אין דיעזען לאנד. אבער יענע הערן זיינען סקעפטיש וועגען א פערווירקל אוטאפיע, האבען ניט פערבראכט מע נעכט אין דעם רוסישען נאציאנ ראטה וואס בעשטעהט פון דעפוט פון ארבייטער, סאלדאטען און ב איך האב יא פערבראכט. דאס מאכט אונטערשייד צווישען מיר און יענע

"אבער סיי ווי, איז עס פשוט א געווארפענע רייד צו דערצעהלען אזו רוס, אז ער דארף געהן און קעמ אום רוסלאנד זאל זיין גרויס אין טאריע און אין קאמערץ. ער האט ניט קיין פערלאנג צו ווערען גרויס איינעם פון די ביידע. עס איז נו צו איהם רעדען וועגען זיינע דאס פערפליכטונגען צו די סלאווען פו ביען און הערצעגאווינא. ער האלט גאר ניט פאר קיין סלאוו. ער האלט זיך פאר א וועלט-בירגער וואס ה בעלאנגען נאר צו איין ראסע און דאס די מענשליכע ראסע. ער וועט קיין ניט גלויבען אז ער דארף זיך שלאגען פאר וואס א האלבער אידיאט וועמ מען האט גערופען צאר, האט אמ אונטערגעשריבען פאפירען וואס פערפליכטעט דאס אלטע רוסלאנד טהון געוויסע זאכען. דאס אלטע רו לאנד איז מעהר ניטא. דער צאר פערשוואונדען, און ניט קיין איין וואס ער האט געטהאן קען זיין דענד פיר דעם נייעם רוסלאנד.

"איבער דעם אונערמעגליכען ה וואס האט זיך אויפגעעפענט צווי דעם אלטען רוסלאנד און דעם נ איז אפילו גוטא קיין בראטלאזע זאמענרעדונג.

"אבער אום דעמאקראטיע זאל אונטערדריקט ווערען, אום ער זאל בען די געלעגענהייט דורכצופיהרען האפנונגען פון דעם סאציאלען וויד געבורט וועלכעס איז די הויפט פרו גע פון זיין פילאזאפיע" וועט דער פישער רוס זיין לעבען אוועקלייגען דער מינדעסטער וואנקונג".

מר. ראסעל, אלס קריעגס פאטר ווינשט געוועהנליך, אז רוסלאנד זארטזעצען איהר קאמפף, אבער נע ידיעות וועגען רוסלאנד וועלכע האט געשעפפט פון זעהר ריכטיגע ערשטע קוועלען, רעדען שטארק איהם און בעשטרייטען זיין גלויבען איבערצייגונג.

פון זיין בעשרייבונג איז צו ז אז רוסלאנד האט מעהר געליטען אלע איהרע אליירטע צוזאמען: א פיהלט זיך ניט פערפליכטעט צו קע פען פאר אן אבמאך וואס איז גע סען געווארען פון דעם געוועזענעם און אז איהר איינציגער וואונש בעשיצען די פרייהייט וועלכע זי ערווארבען דורך דער רעוואלוציא

פוילישע רבנים ארגאניזי זיך פאר דעם רעליעף.

קאפענהאגען.

אין דעם הויז פון דעם ווארשא ראבינאט איז פארגעקומען א גרויסע ראטונג וועגען ארגאניזירען הילף דער ארימער אידישער בעפעלקערונג א ברייטער ארגאניזירטער פארם. אין בעראטונג האבען זיך בעטייליגט אן זעהענע רבנים, דער גאנצער ווארשא חשוב'ע עסקנים און בעלי-בתים.

נאך לאנגע דיסקוסיעס וואו עס זע ארויסגעזאגט געווארען פיעל וויכטיגע נונגען און פארשלאגען ווי אזוי די הי אקציע זאל ארגאניזירט ווערען אויף ממשות'דיגען אופן, איז בעשלאסען ווארען איינשטימיג, אז גאנץ ווא זאל איינגעטיילט ווערען אין ראיאנען כע זאלען ווערען ארגאניזירט דורך א סען פראנטווארטליכען קאמיטעט.

דער קאמיטעט איז אויף דעם א געקליבען געווארען.

עס איז אויך בעשלאסען געווא אז דער קאמיטעט וואס האט זיין טעט קייט פערשפרייט איבער יעדער גאס זונדער, זאל זיך גלייך נעהמען צו העכסט וויכטיגער ארבייט.

פערקיופיין גאלד קעמפ
די לעצטע אינפארמאציעס קענ איהר קריגען ווען איהר וועט זיך סובסקריבען פאר דעם פערקי פיין הערעלד.
סוטה פערקיופיין, אנטעריא.
פרייז פאר קענעדע $1.50 פערא נינטע שטאאטען $2.00 א יאהר.

קאנקורענציע ,,ליעבער לעזער"

א וויסענשאפטליכער שמועס. איבער די עלף פארגאנגענע מאנאטען פון תרע"ז

פון ,,בן מנחם"

האכגעשעצטער ווירדיגער לעזער!

קענסטו מיר ניט זאגען, ווער עס האט אויסגעטראכט, און ,,סטייליש" געמאכט די מידה פון קאנקורענציע.

א טהייערע זאך בנאמנות. גענומען א פאפיער, געמאכט א פארעם, צו געשניטען, אויפגענעהט א מלבוש, אריינגעהאנגען אין עקזיבישאן איי יעדען בנין אבי סעלע, צוטהיילט ווי ,,כזיתים אפיקומן" קליינע שטיקאלעך. און יעדער האט עס צוכאפט. יעדער האט זיך דעם מלבוש צוגעפאסט. און טראגט איהם יאהרען לאנג ווי די אידען אין דער מדבר. וואקסען מיט דעם קאנקורענציע מלבוש. און עס ווערט גאר ניט נמאס.

פאר וואס ליעבער לעזער. האט דער זעלבער דעזיינער ניט געמאכט פרויען קליידער מיט דעם זעלבען פארעם.

שטעלט זיך פאר, מיר חתונה געמאכטע מענשען. וואס זענען פטור צו ליעב דעם פון ערשטען דרעפט. און דאס ווייבעל בלאזט פון זיך ווי דריי האקא מאטיור־מאשינען צוזאמען אז זי ראטעוועט די האונטרי, וואלטען רייכער געווען מיט . . . . א יאהר, פיער סיזאנס. און נאך בעסער מיט אן איסט און וועסט.

אוי! די קאנקורענציע ימח שמה זאל זי ווערען.

מיין ווייבעל געפעלט היינט ,,בריטיש קאלאמביא" שעהנע מיידלאך זאגט זי. טייערע קליידלאך, קערצער ווי אנטאריא. דערצו זענען יענע ניט געפיינט און ניט געפודערט.

שריי איך דאך ליעבער לעזער. אז דאס טהאר ניט פאסירען, איך בין א יוניאן מאן. און מוז שטיצען די פיינטינג יוניאן.

שרייט מיין ווייב הלמאי מיין שכן זאגט זי ארבייט אווערטיים, ביי טאג אין פעקטארי און ביי ניכט ,,פושט" ער גלאט זיך דעם ,,בייבי קארידזש" און דאס ווייבעל פאהרט צום פיקניק פון די פועלי ציון.

פארוואס זאגט זי קוקט ער ניט אויף דער שטונדע.

אדער זאגט זי, איהר בעקאנטער. איהר... בעקאנטער. שוויצט יעדען אווענד ביי אן אווערטיים, אויסצורעכענען די ווײדזשעס וואס זיין ווייבעל האט בעשטאט. ער איז זאגט זי א טהעטיגער יוניאן מיטגליעד, אלע ערב סיזאן.

ליעבער לעזער עפעס גוט הא.

אז מען וויל קאנקורירען, זיצט זיך שמואל גאמפערס, און ערקלעהרט א חזקה איבער די אידישע מאסען און קלאסען, קומען די ציוניסטען מיט זייער יום טוב דערצעהלען אז ניט גאמפערס קרעמיל. גאר טאקע זייער קרעמיל. איז דאס אמת'ע חזקה קרעמיל איבער אלע.

די שקצים ,,פועלי ציון" וואס זאמלען שקלים, נאציאנאל פאנד. השומר. ראפלען ניט קיין טליתים פאר'ן נאציאנאל פאנד, און פארקויפען ניט די בילעט שיקעט צווישען ניט אידישע אלדערמאנס זענען טאקע אונזערע זייער גראשען איז כשר. זייער ארבייט אין פאלעסטינא איז א טהייערע. א סימן אז דער ,,השומר" בעשטעהט פון זיי, זייער בלוט גיסט זיך ווי וואסער, אין די אידישע קאלאניעס. אבער ווי הייסען אזעלכע חברה **,,פועלי ציון"** זיי דארפען הייסען **פועלים, שומרים, מקצבים, טערקען, טאטערען.** אבער קאנקורירען מיט אונז אמת'ע ציוניסטען, וועלכע זענען אויך ניט קיין שטארקע שומרי שבת. און די יעלבע פועלי ציון קריגען פון ציוניסט שבת נאכמיטאג די ,,פעי" היתכן.

קאנקורענציע ליעבער לעזער פערשטעהסט!

ראש חודש אלול. רומען די **פוילישע אידען** און ווילען פערניכטען די קאנקורענציע, כון די קליינע בתי מדרשים, וועלכע פערקויפען ששי פאר א ביליגערן פרייז, ווי די גרויסע שוהל. און זענען דאך גערעכט.

קומט די **קלאוק מאכער יוניאן** און וויל אבשאפען קאנקורענציע. היתכן אן אפרייטאר 80 סענט און א פרעסער 75. די זעלבע הענד. די זעלבע שאפ. דעם זעלבען הויז. קומט דער **מושב זקנים** און שאפט נייע קאנקורענציע, 25 סענט א ציגעל, א פארטיגען ציגעל פון א בנין 25 סענט אינגאנצען, אנשטאט דרוקען א שנה טובה קארטעל מיט אייער נאמען אין ארדעס. פרייז 50 סענט. מאכט זי עס ביליגער, אייער נאמען פאר 25 סענט אויף א רויטען ציגעל, א סימן אז דאס פאפיער קומט פון דער ציגעלניע, קומט די **פעדעראציע** און מאכט עס נאך ביליגער, אנשטאט א יאהר טיקעטס מיט צרות, מיט געלד זוכעניש. מיט דיוס צאהלעריי, דריי דאלאר א יאהר, אוים אז עך פטור אן עסק.

געוואלד ליעבער לעזער! קאנקורענציע שטעהט דער **פאלקס פעראיין** און טעהנט 5 סענט א וואך, א ניקעל א שטיק. קומט קונים ביליג ווי בארשטש. נעהמען אונזערע **באפטיסטען.** און גיבען אויף זייער טעמפעל, פאקען איין דאס געשעפט ווייל דער קאנקורענט דער ,,פרייער גערדאנק" האט ביי זיי צוגענומען די מיטגליעדער. קומען אחינו בני ישראל. און הענגען אויף לעבען דעם אוים שריפט **,,באפטיסט טשורטש".**

,,לשמוע אל הרנה ואל התפילה"

נו. א וועלט מיט קאנקורענציע טראכט איך ביי מיר אויב אזוי. זענען דאך די סעקרעטערס פון דער ציוניסטישער פעדעראציע גערעכט, וואס זיי קאנקורירען מיט דער קאנגרעס בעוועגונג.

ממה נפשך, אויב דעמאקראטיע, אויב יא יעדער לויפער קען ערוועהלט ווערען. און אזוי ארום קענען די פועלי ציון ארויף אויפ'ן פערד, און געוואלדעווען פאר לעסטינא.

היינט וואו איז דעמאקראטיע? וואו איז יושר?

מיר ציוניסטען וואס פוסטעווען א גאנץ יאהר און פארברייטען אן ערעפענונגס רעדע צו דער ערעפענונג פון קאנווענשאן, אז נאר מיר זענען אייערע פיהרער. און ארץ ישראל ליגט ביי אונז איז א טאבאק פושקעלע וועלכעס מיר וועלען אייך אונטער טראגען צו דער נאז א שמעק צו טהון.

ניט אזוי ווי איהר וואס איהר ווילט אוועקשטעלען דאס טאבאק פושקעלע אויפ'ן טיש, און כל דכפין יתי ויכול.

וואס הייסט איהר קאנגרעסיסטען קומט קאנקורירען? ווער דארף אייך?

מיר פאדערען דעמאקראטיע, ווי אין פרק שטעהט שלי־ושלך שלך. פאלעסטינא איז אונזערס. פארשריבען אין גאלדענעם בוך אויף אונזער נאמען. און איהר קענט וועגען דעם ניט ריידען.

איהר זענט די פועלים די ארבייטער מיר זענען די ארבייטס געבער ווען ניט מיר ציוניסטען, וואלט איהר קיין ארבייט ניט געהאט, און ווי מישט זיך אן ארבייטער, און די אינטערעסען פון בעלהבית

ווילט איהר דאך קאנקורירען, אין געוואלד קאנקורענציע.

ליעבער לעזער אורטהיילט זעלבסט.

זיצט זיך א **,,שמש"** און אונזער רעדאקציע, וועלכער דארף בלויז טהון זיין שמשות. אבטונג געבען פערקויפען עליות, דערלאנגען דעם טלית. מאכען קידוש און הבדלה. ווי קומט א שמש זיך צו מישען אין שוהל אינטערעסען.

איז דאך אבער קאנקורענציע.

נעהמט דער שמש זיך אונטער חנפ'נען צום בעל הבית, דערלאנגט איהם א ,,פריינדליכען שמועס", און רויבט ביי מיר אוועק מיין לעצטע יעהרליכע פרנסה אויף וועלכע איך האב א חזקה געהאט. און געקריגען פאר איהר צוויי דאלאר א ,,רעיז"

דער זעלבער שמש קאנקורענט, פאר קריכט נאך צום קאנגרעס, און פרעגט ווען דער ברית וועט זיין.

ער זעלבסט איז געווען ביים קינד האבען, געהערט די חבלי לידה, צו געזעהן די קרעכצען פון דער יולדת. וועלכע האט געשוואוירען אייביגע ליעבע צו איהר בן יחיד, און פלוצים, לאזט ער אלעס איבער, ערקלעהרט דאס קינד פאר ניט ,,ראוי למילה" און אנטלויפט נעהמט קאנקורירען מיט 194 ספאדיינע עוו.....

און וויצעלט זיך נאך אויפ'ן חשבון פון היסטארישען האצקלען מיט דער היסטארישער ח.....

געוואלד ליעבע לעזער, גיט מיר די מאראם קאנקורענציע, און כ'וועל פאר איהר א שידוך אויסזוכען, אדער אבגעבען זי פאר א נוירס אויפ'ן שלאכט פעלד. פיליכט וועט זי זיך אין א דייטש פערליבען, און מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון א ביטערער צרה.

דערלאנגט מיר אין די הענד מאראם קאנקורענציע.

די עוואקואציע פון דער אידישער בעפעלקערונג אין ווארשא.

קאפענהאגען.

די עוואקואציאנס־אבטהיילונג ביי דער אידישער געמיינדע אין ווארשא האט לעצטענס פערשטארקט איהר טעטיגקייט פון די ציפערן ביי דער אבטהיילונג איז צו זעהן, אז אין חודש יאנואר 1917 זענען ארויסגעפאהרען פון ווארשא דורך דער פערמיטלונג פון דער אבטהיילונג נור 20 פאמיליעס, אין פעברואר — 50 פאמיליעס, אין מערץ — 40 פאמיליעס, אין אפריל — 60 פאמיליעס. אין מאנאט מאי איז שוין די ציפער פון די ארויסגעפאהרענע אידישע פאמיליעס געשטיגען אויף 126 און אין חודש יוני אויף 223 פאמיליעס, וועלכע זענען בעשטאנען פון 608 פערזאן. אין דער צאהל געהען אריין נור פערזאנען, פאר וועלכע די געמיינדע האט ארויסגעגעבען פאסיר־שיינען, רייזע־בילעטען, און געלד־שטיצעס, נישט רעכענדיג א בעדייטענדע צאהל, וואס האבען בעקומען בלויז א געלד אונטערשטיצונג. אין מאנאט יולי וועט, ווי מען רעכענט, די צאהל עוואקואירטע ביי דער אידישער געמיינדע זיין נאך פיעל גרעסער ווי אין פערגאנגענעם מאנאט. לערך 40 פון די עוואקואירטע פאהרען אין געביעט פון דער עסטרייכישער אקופאציע.

עס ווערען איצט געמאכט די נויטיגע הכנות אויף צו פיהרען א ברייטע אגיטאציע אז מען זאל פערלאזען ווארשא און פאהרען אין די פראווינץ־שטעדט, וואו די לעבענס־מיטלען זענען פיעל ביליגער. דער ראבינאט און די אידישע געמיינדע וועלען וועגען דעם ארויסגעבען א קול־קורא. וואס וועט פערטיילט ווערען אין די אידישע פאלקס־קיכען און בעצירקס־ביורען.

אורין
אויספליסונגען
קורירט אין
24 שטונדען
יעדע פיעל האט
דעם נאמען
MIDY
SANTAL
CAPSULES
MIDY
היט זיך פאר נאכמאכטע

פאטראנייזט אונזערע
אדווערטייזער

קליינע בילדער

פון ס. ראגינסקי

1.
תהלים.

אלע פריהמארגען, ווען איך ערוואך פון שלאף און דערזעה די גאלדענע זונען שטראהלען אין מיין צימער, דערהער איך פון הינטער'ן וואנד א שרעקליך געוויין. דאס וויינט דארטען אן אלטער איד, זאגענדיג תהלים. גאט! וויפיעל טרויער, אומעט, עלענדקייט און שרעק עס ליגט אין זיין וויינען! ווי שרעקליך הארצרייסענד זיינען די קלאנגען, וואס שוועבען פון זיינע אלטע ליפען ארויס! וואס זיי דערצעהלען!

זיי זאגען עדות פון פינסטערע לעבענס, וואס פערגעהען אין געוויין; זיי דערצעהלען פון א גלות, א לאנגען, אונענדליכען גלות פון א פאלק, טארבעס אויף די פלייצעס. שטעקען אין די הענד. וואגלען זיי איבער מדבריות און ווילדע לענדער דורך דורות און דורות.

דאך, אפט דוכט זיך מיר, אז דאס זינגען גאר זיסע קלאנגען פון עפעס א מלאך. וועלכער קומט בעגריסען דעם פריהמארגען. א געטליכער געזאנג ערהויבט זיך צום הימעל און בעגריסט דעם פלאקערענדען מזרח. דאן ווערט מיר אזוי גרינג, ווי א געטליכער פייער וואלט ברענען און לייטערען מיין זינדיגע הארץ.

2.
אין פעלד.

ס'האט מיר דערעסען די שטאדט. געה איך אין פעלד, קלייב אויס א גראז און בלימעלעך פערוואקסענעם ארט, און וואהרף זיך אנידער אויף דעם שוים פון דער מוטער־נאטור.

דער ווינד ברענגט א גערויש פון ווייטע בוימער; ערגעץ קרעהט א האהן, און זיין שטים קלינגט אזוי פער'חלום'ט, פערגאנגען, ווי פון אן אנדער וועלט; קלאנגען מישען זיך צוזאמען: אלעס ווערט פאר מיר אויס א חלום, א טיעפען, זיסען חלום . . .

כ'קעהר אב מיינע אויגען צום הימעל.

א בלויער, א ריינער צושפרייט ער זיך ווייט, ווייט און לאזט זיך דארט אראב אויף ווייטע ביימער, ווייטע פעלדער, און הילט איין דעם בלויען טייך, וואס שלענגעלט זיך ווייט צום האריזאנט... עס טראגט זיך דורך א פויגעל און ווערט פערשוואונדען אין דער בלויער ווייט.

פון ווייטען שווארצט זיך א וועלדעל; ס'ציהט זיך א פעלד — ס'זעהען זיך ווייסע זאמדען וואס בלישטשען קעגען זון, ווי בריליאנטען.

גאט, ווי ליכטיג, פרעהליך ס'איז ארום! עס ווילט זיך זינגען, עס ווילט זיך וויינען פון פרייד און פערגעניגען!

שטיל און ליעב איז מיר אין פעלד.

א טיעפער, זיסער און אונענדליכער אומעט וויקעלט מיך ארום.

3.
א קול.

יעדען פריהמארגען הער איך א קול אין מיין הארצען: ,,מענש, ניט פערליר די צייט! די שטונדע וואס פערגעהט, וועט זיך קיינמאל ניט אומקעהרען. ניט פערליר דאס, וואס דו קענסט געווינען!" . . .

און נאך איידער איך קוק זיך ארום דערזעה איך א רויטע צושמאלצענע זון אין מערב.

אלעס פערקלינגט און פערשווינדט. ווי גאלדענע אבגעצעהרטע הערבסט־בלעטלעך, צופאלען די קלאנגען פון טאג.

בעפאלט מיך א שרעק. ווי טויזענד דונערען וואלטען א קראך געטהאן מיט אמאל, אזוי צוטראגט זיך אין מיין הארצען דער זעלבער קול: ,,האסט פערלוירען, פערלוירען! פערלוירען, וואו דו האסט געקענט געווינען!"

לאנגזאם קומען שאטענס או. וויקלען מיך איין אין יאוש און אומעט.

4.
איינזאמקייט.

עלענד בין איך, עלענד . . . צווישען טויזענדער שטראמענדע מאסען בין איך עלענד.

וואו איז א פריינד? איז גאר ניטא אזא אויף דער גאנצער ברייטער וועלט?

— ווי אונגליקליך. ווי אונגליקליך!

ערגעץ מוז ער זיין, מיין פריינד! ערגעץ אין אן איינזאם פערבארגענעם הייזעל, אין טיעפער נאכט, ביי דעם שיין פון א פערראוכערטען לעמפעל מוז ער זיצען און בענקען, ווי איך! ערגעץ ווייט איבער פעלדער און וועלדער מוז זיין בענקשאפט שוועבען!

נאר ווייט איז ער פון מיר, א וועלט איז צווישען אונז, מיר קענען זיך ניט געפינען.

וועלדער בין איך אויסגעגאנגען, פעלדער אויסגעבלאנדזשעט, שטעדט און שטעדטלאך אויסגעוואנדערט — אומעטום דעם הארט־קלינגענדען ענטפער בעקומען:

— מיר האבען דיין פריינד ניט געזעהן!

אזוי וועל איך נאך בלאנדזשען יאהרען, וועל איך איהם געפינען?

5.
וואוהין?

אין בית־המדרש אויף א טישעל ברענט א טונקעל־פערראויכערט לעמפעל, וואס פערטרייבט די שאטענס פון ארום זיך, און צווינגט זיי צונויפצוקלייבען זיך אין די אונענדליך טיעפע ווינקלען.

ביים טישעל זיצט א יונגערמאן איינער אליין. פאר איהם ליגט אפען א ספר ער האט נאר וואס געלערענט.

איצט קוקט ער מיט טרויעריג ערשטוינטע אויגען אויף די ארומיגע שאטענס, אויף די שטילע איינגעדרעמעלטע בענקלאך און שטענדערס, וואס שטעהען איינגעבויגען די קעפ ווי פערפייניגטע און אונגליקליכע.

ער דערפיהלט א פוסטקייט אין זיין הארצען. קעהרט ער זיך פונ'ם טישעל אב. עפענט דאס נאהענטע פענסטער אויף און קוקט ארויס אויף גאט'ס שעהנע וועלט.

שטיל. די נאכט דרימעלט. די אלטע הייזלאך זיינען מיט זילבער־ליכט בעגאסען. אין בלאטע פון געסעל שפיגעלט זיך די לבנה.

פון ווייטען הינטער די הייזלאך זעהט זיך א ווייטער, פער'חלום'טער בלאהער האריזאנט; עס גידערט דארטען וואו א בלויע טייך, ווי א לענטע, וויקעלט זי זיך פאנאנדער. בעלויכטען פון די לבנה־שטראהלען.

ער קוקט אויף דעם אלעם און איהם פערווילט זיך אנטלויפען, אנטלויפען פון דיעזער טרויעריגער שטילקייט. נאר וואו? וואוהין? . . .

די מורא פאר טויטע ביי די ווילדע שבטים

עס זיינען נאך דא גענוג מענשען אפילו ביי ציוויליזירטע פעלקער וואס האבען זיך נאך ניט אין גאנצען בעפרייט פון דעם אבערגלויבען צו מורא האבען פאר טויטע, בעזאנדערס האט מען מורא פאר א טויטען געגען וועלכען מען האט ביים לעבען בעגאנגען אירגענד וועלכע עולה, און עס ציטערט אויף דעם לעבעדיגען איינפאך די הויט, יענער טויטער זאל ניט קומען אין שלאף שטיקען אגחם.

אויף ווילדע און האלב ווילדע פעלקער און שבטים איז שוין ניטא וואס צו חידושען זיך. ווען זיי ציטערען פאר די נשמות פון זייערע טויטע און נעהמען אן כל המיני מיטלען אום צו בעווארענען זיך געגען דיעזע בייזע גייסטער.

די קארענער אין בירמא צום ביישפיעל גלויבען אז די נשמות פון ערמארדעטע, געהען ניט ארויף אויף'ן הימעל און געהען אויך ניט אין דער ערד. נאר זיי בלוקאיען זיך ארום איבער דער ערד. די ספעציאליטעט פון דיעזע נשמות איז צו רויבען פרעמדע נשמות און די קארענער זוכען איבערצובעטען זיי מיט קרבנות און תפלות. זיי לעגען אן אין א קארב שיסלען מיט רייז און טראגען דאס אב אין וואלד פאר די בלוקאיענדע נשמות.

די מיטגליעדער פון דעם שבט יאביב אין ניי גוויענא זיינען איבערצייגט אז טויטע קענען העלפען און שאדען, מעהרסטענס אבער שאדען זיי. בעזאנדערס האבען זיי מורא פאר די נשמות פון ערמארדעטע וועלכע פערפאלגען דעם מערדער און ברענגען אויף איהם אונגליקען. דיעזע בייזע גייסטער ווערען פערטריבען מיט געשרייען פייפערייען און פויקען הינטערען דארף ביים ברעג טייך אדער ביים ים שטעהט שוין אנגעגרייט א שיפעל מיט גרינען און טאבאק, אום דער פערטריבענער בייזער גייסט זאל קענען אבעסען און אבטראגען זיך העט־העט, ווייט פון דארף.

אויף דער אינזעל פידזשי בעווארענט מען זיך מיט אנדערע מיטלען געגען די נשמות פון די טויטע. דארט ווארפט מען איין נאך'ן טויט דאס הויז פון דעם פערשטארבענעם און מען פערוואנדעלט עס אין א מיסטקאסטען. מאנ בעהינדוסען האבען בעזאנדערס מורא פאר דעם גייסט פון א פערשטארבענער לייזער פרוי, און אום צו בעווארענען זיך געגען איהר אז זי זאל ניט טהאן שלעכטס די לעבעדיגע, לעגען זיי איהר אונטער די פאכוועס צו אן איי פון א הוהן, און אויסערדעם שטעקען זיי איהר אן נאדלען אין די הענד. דער שכל דערפון איז, וואס יענע הינדוסען רעכענען אז די טויטע וועט זיך שוין דאן ניט קענען יאגען נאך וועמען, מורא האבענדיג צו פערלירען די אייער און דאן וועט זי ניט קענען וועמען כאפען אויף, ווארום דאן וועלען דאך די נאדלען טיף פער אריין אין לייב און עס וועט איהר וועה טהאן. אנדערע הינדוסען לעגען נאך אונטער דער טויטער אן איי אויף אונטערען מארדע און שלאגען צו דיא הענד מיט די פיס מיט טשוועקעס צו דער טרוגע.

די אלע ווילדע פעלקער און שבטים האבען בעזאנדערס מורא פאר די נשמות פון די אלמן'ס און אלמנות, גלויבענדיג אז א טויטער מאן וויל ניט אבטרייסען זיינע פערבינדונגען מיט זיין לעבעדיגער פרוי, און דאס זעלבע אויך א טויטע ווייב. זיי נעהמען דארום אן פערשיעדענע מיטלען. ביי די ניגערס פון דעם שבט יו אין אפריקא, צום ביישפיעל, בלייבט דארט די אלמנה וואהנען זעקס וואכען צייט אין איהר פערשטארבענעם מאנס וואהנונג. די גאנצע צייט געהט זי אום אין גאנצען נאקעט, דער קאפ אבגעגאלט, אום אין האנד האלט זי א שטעקען אום אבצוטרייבען די נשמה פון איהר טויטען מאן וועלכער הערט ניט אויף צו קריכען צו איהר און זאל זי חס וחלילה זיך לאזען פערפיהרען פון זיינע לאסקעס אזוי שטארבט זי גלייך. ביינאכט ווען זי לעגט זיך שלאפען, בינדט זי צו דעם שטעקען צו דער האנד אום דער טויטער זאל איהם ניט צוגנבענען ביי איהר. אין דעם עסען ווארפט זי אריין הייסע קויליען אום דער טויטער מאן זאל ניט וועלען עסען צוזאמען מיט איהר ווארום גלייך ווי זי האט מיט איהם אירגענד וועלכע מגע ומשא אזוי שטארבט זי גלייך.

די פאפואסען אין דער בריטישער גוויענא בעהאנדלען זעהר גרויזאם זייערע ווייבער און דארום גלויבען זיי אז דיא ווייבער קומען נאך'ן טויט נעהמען ראכע פון זיי. ביי דיעזע ווילדע זאל גאר אן אלמן ניט געבארען ווערען. די צרות וואס ער שטעהט אויס נאך זיין ווייבס טוידט איז גאר ניט צו בעשרייבען און זעלבסטפערשטענדליך ניט פון דער טויטער, נאר פון די לעבעדיגע.

די צרות פון דעם אלמן ביי די פאפואסען פאנגען זיך אן אין דעם אייגענבליק, ווי זיין פיעל ליידענדע פרוי פערמאכט איהרע אויגען אויף אייביג, מען רייסט פון איהם די ערשטע זאך אראב גלייך אלע ציערונגען און מען צורייסט אלעס, וואס עס געפינט זיך נאר ביי איהר אין געצעלט. די קרובים פון דער פערשטארבענער שלאגען איהם און מאכען פון איהם חוזק, דאן מוז ער א געוויסע צייט שלאפען ביי דער ווייב אויפ'ן קבר, קיינער וואגט ניט צו קאכען פאר איהם עפעס צום עסען. היינט צו אלע צרות טאר ער שוין מעהר קיינמאהל ניט חתונה האבען.

קורץ מיט'ן טויט פון דער פרוי פערלירט דער פאפואס אלע רעכטע און ער ווערט אין גאנצען אויס מענש, עס מאכט ניט ווער ער זאל ניט זיין, אפילו דער פיהרער אליין, ער איז אזוי ווי אין חרם קיינער טאר מיט איהם קיין וואורט ניט אויסרעדען, הערען פון איהם עפעס אן עצה. ער טאר ניט געהען כאפען פיש. געהען אויף יאגד דאס גלייכען. זיין אנוועזענהייט ברענגט איבעראל אומגליקען און צרות און דארום טאר ער זיך ניט בעווייזען וואו מענשען זיינען, אין מיט אן אבגעגאלטען קאפ און אויף שווארץ אבגעפארבטען גוף מוז ער וואנדערען אין די וועלדער, וואו ער דארף קעמפפען מיט ווילדע חיות האבענדיג א האק, אלס דאס איינציגע וואפען צום פערטהיידיגען זיך. דער סוף אבער פון דיעזע אלמן'ס איז אין די מעהרסטע פעלע וואס זיי ווערען רויבער און גנבים.

ביי די אינדיאנער אין בריטיש קאלומביא פערשטעלט דער אלמן, און דאס זעלבע די אלמנה אויף ביינאכט דעם וועג צו זיין געלעגער מיט שטעכעדיגע דערנער אום די טויטע ווייב זאל ניט קענען קומען פערנעהמען דעם ארט וועלכען זי האט געהאט ביים לעבען אנדערע זיינען נאך מחמיר און זיי שלאפען גאר אויף דערנער, אום די טויטע זאל שוין גאר קיין חשק ניט האבען צו קומען לעגען זיך.

אין אן אנדער פלאץ אין קאנאדא איז ביי די אינדיאנער א מנהג אז די אלמנה זאל אריבערשפרינגען דעם מאנס קבר, נאך דער קבורה, און דאן אנטלויפט זי און בעהאלט זיך הינטער די בוימער. אין אבענד קומען צו איהר אין געצעלט איהרע קרובים מיט געלאדענע ביקסען און זיי שיסען די גאנצע נאכט אין קוימען, דורך וואנען, ווי זיי גלויבען, דער טויטער זוכט אריינצורייסען זיך נאך דעם גלויבען זיי שוין אז דער טויטער וועט אנטלויפען וואו פעפער וואקסט.

דיימאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך
איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל מעהר ווערט און איז אן אייביגקייט.
מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט דיזע לייכטעסטע אבצאהלונגען.
ספעשעל דיסקאונט 10 פראצענט פאר קעש.
דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סט. טאראנטא.

א גרויסער מאווינג סייל
ביי דער
ראטשטיין פארנישור קאמפאני
מיר מופען אין אונזער גרויסען סטאר אנטקעגען דעם
יעצטיגען סטאר, מיר וועלען אלעס פארקויפען
זעהר ביליג

אום צו שפארען מופען אונזער וואהרע, האבען מיר בעשלאסען אויס צו
פארקויפען פיר קאסט פרייז, זיך צו שפארען ארבייט און געבען די טאראנטאר
אידען דאס געלעגענהייט זיך אויסצופיקסען א שעהנע היים פאר יום טוב.
איילט אייך צו ווייל אלעס מוז פארקויפט ווערען אין 10 טעג.
וואטשט אונזער קומענדע אדווערטייזמענט'ס
געדענקט אונזער אדרעס
ראטשטיין פארנישור קאמפאני
490 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן קאלעדזש 6981

דער „אידישער זשורנאל“

ה. ווייכבערג פרעזידענט און דזשענעראל מענעדזשער

די איינציגע איד'שע טעגליכע צייטונג אינ'ם פראווינץ אנטעריא

סענטשורי דזשואיש פאבלישינג קאמפאני לימיטעד—ארויסגעבער

251-253 קווין סט. וועסט טעלעפאן עדעלייד 967

סובסקריפשאן פרייז: 5.00 א יאהר איינצעלנע קאפּ 2 סענט

ווען א פרוי ערקוויקט זיך צופיעל

פון י. ב״ם

פרייען טהעטיגקייט איז קיין נייעס מעהר. ביי די יעצטיגע אומשטענדען, די פרוי איז יעצט געווארען דער לעבעדיגער אינסטרומענט, ניט נאר אין הויז, וואו זי איז די בעל הבית'טע, מיטער, קעכין איינזעהערין און ווירטהין, נאר די פרוי האט איך יעצט בעוויזען אז זי איז פאסיג צו יעדער ארבייט, מסוגל צו יעדער זאך, און זאגאר צארטערהייט קען זי טהון די שווערסטע ארבייט, בעסער ווי דער מאן.

די פרוי האט זיך אבער פארגעסען אין געוויסע פונקטען און וועלכע זי מוז געדענקען, אז אויב זי טהוט עס ניט, איז ניטא ווער עס זאל עס פאר איהר טהון.

די פרוי איז אויך ארויס פון איהרע הויז איינגאבען, אריבערגעשפרינגען דעם לאנג יעהריגען צוים, וועלכער האט אונטערשיידעט די פרוי פונ'ם מאן, און דער איבערשפרונג וועט געוויס שאדען פיעל דער בעל־הביתשער פרוי.

די פרוי פאנגט אן בישלאבווייז צו פארגעסען איהרע מוטער פליכטען איהר חוב צום הויז וואס זי מוז ערפילען, און פארנאכלעסיגענדאס, הייסט זיך צו פיעל ערלויבען.

דער פרוי געפעהלט שטארק דעם מאנס ארבייט, עס רייצט איהר די קנאה, זי וויל צייגען אז אבוואהל זי האט טאקע די לאנגע האהר, האט זי אבער דעם זעלבען שכל, די זעלבע מעגליכקייטען צו ארבייטען ווי דער מאן, און דערפאר זוכט זי די זעלבע פרייהייטען ווי דער מאן.

די פרוי פארגעסט, אז אבוואהל זי האט די זעלבע פעהיגקייטען, מוז זי איך איהרע אנדערע פליכטען ערפילען, און טהאר זיך צופיעל ניט ערלויבען.

צו דעם סארט פרויען געהערט איך א געוויסע טאראנטאר פרוי מיט'ן נאמען ב. ש.

ב. ש. איז זיך אן אינטעליגענטע אידישע פרוי, א מוטער פון עטליכע קינדער, און די פרוי פון א היגען קליינעם סוחר, וועלכער האט זיך א דאנק איהרע פעהיגקייטען ארויפגעארבייט.

מרס. ב. ש. איז געווען א טרייע מוטער אכטונג געגעבען אויף איהרע קינדער, געהאלטען זיי ריין, ציכטיג, געזעסען מיט זיי אין הויז, אכטונג געגעבען אז זיי זאלען מאכען די לעקציעס. וואס זיי דארפען, געזעהן אז איהר הויז ארבייט זאל געטהון ווערען אין צייט, געזעהן אז ווען איהר מאן וועט קומען, זאל ער טרעפען א שעהן הויז, ציכטיגע קינדער, און אנשטענדיגע היים, זיזעלבסט האט איהם געהאלפען מאכען די חשבונות, און אזוי ארום איהם איינגעשפארט עטליכע דאלאר פאר א דענשען אין סטאר, און אלעס איז זיך געגאנגען ווי געוואונשען.

מרס. ב. ש. האט געוואוסט אז זי לעבט צוליעב איהר היים, צוליעב איהרע קינדער, און צוליעב איהר מאן

די שכנים פון דער זעלבער פרוי, האבען האט אבער ניט געקענט ליידען, אז זייערע א שוועסטער זאל לעבען ווי א פרוי מיט הונדערטער יאהרען צוריק, זיי האבען געוואוסט די פעהיגקייטען פון זייער שכנ'טע, און מיט עטליכע גוטע ווערטער געווירקט אויף איהר אז זי זאל ווערען אביסעל טהעטיג אין כלל זאכען.

מרס. ב. ש. האט זיך ניט געלאזט בעטען לאנג, ארריין אין די טיכטיגע רייהען פון איהרע חבר'טעס און גענומען צייגען איהר קענטעניש.

צוערשט האט זי אנגעהויבען פארנאכלעסיגען איהרע קינדער נאכדער איהר הויז, ניט געוואלט זיך מעהר פאראינטערעסירען מיט איהר מאנס געשעפט, זי איז ניט זיין דיענסט, ער קען זיך צו נעהמען א מענשען אויב ער דארף, בישלעכטווייז איז געווארען אן איבערקעהרעניש אין הויז, עסען איז ניט געווען אין צייט, צוויי א זייגער ביי נאכט, פלעגט זי קומען פון איהרע פארזאמלונגען, איבער געוועקט דעם מאן, וועלכער האט פריה געדארפט איפשטעהן, און קללות און זידלערייען האבען זיך אנגעפאנגען, וועלכע זענען גלייך איבערגעגאנגען אין געשלעגען.

די הייליגקייט פונ'ם פאמיליען לעבען איז פארשוואונדען, די קינדער האבען דעם דרך־ארץ פאר זייערע עלטערען פארלוירען, גענומען זיך בעגעגענען מיט אנדערע קינדער, וועלכע האבען זיי אראב געפיהרט פון דרך הישר דאס געשעפט האט צוליעב קאפ־פארדרעהניש פון בעל הבית גענומען געהן כאדאראם, און דער רעזולטאט איז, אז מרס. ב. ש. האט ביידע זאכען פערלוירען.

דא וואו זי איז טהעטיג געווען, האט מען זי פארטריבען צוליעב איהרע ניט אנשטענדיגע פאמיליען דייסערייען וועלכע זענען צו יעדען בעוואוסט געווארען, איהר הויז איז צושטערט געווארען, איהר מאן וויל מעהר מיט איהר ניט וואוינען, און דאס איז געווים צוליעב צופיעל ערלויבעניש וואס די פרוי האט זיך גענומען.

מרס. ב. ש. האט יאהרען לאנג ניט געוואוסט מעהר, ווי צו היטען איהר "קדשי קדשים" געווען פאראינטערעסירט ארום איהר מאן מיט איהרע קינדער, און דורך א זעהר קורצער צייט האט זי פון אלעם א תל געמאכט, האט זי צושטערט צוליעב פרעמדעס, איהר אייגענעם בנין.

אנדערע פרויען, וועלכע פאלגען נאך דאס זעלבע, זאלטען געמעגט ווענען דעם א טראכט טהון.

(פאָרזעצונג פון פּיידזש דריי)

אויף מארגען צו קומען איהם בעזוכען אהיים. ער איז גוט פון די באסעס וואס האלטען זיך גרויס נעגען זייערע ארבייטער. ביי איהם איז א מענש א מענש.

דער אפּרייטאר האט דא גענומען, אז די אלטע קוזינע האט דא פאר איהם ארייננעווארפען א גוט ווארט. און אז דער באס וועט איהם יעצט וועניגסטענס אבגילדען.

ער איז געקומען, און דער באס מיט דעם ווייב האבען גענומען פלייסיג אביטען איבער איהם. וואס דארף ער זיך וואלגערען אין דער פרעמד? ניט בעסער זיין א בעל הבית פאר זיך און האבען ווער עס זאל איהם אבהיטען? פאר א לעבען מאכען האט ער גוט וואס צו זארגען. ער וועט אימער ארבייטען אויף דעמזעלבען פלאץ. מען וועט איהם מאכען פאר א גאנצען אפּרייטאר, און דעם ערשטען באנדעל ארבייט וועט ער אימער קריגען. ער וועט האבען סטעדי ארבייט.

עס האט ניט גענומען מעהר ווי א שטונדע, און דער בחור האט געזאגט "יא" די קוזינע איז שפּעטער אויך אנגעקומען און נאך איידער עס איז געווען האלבע נאכט, האט מען „געמאכט א ווארט". די קוזינע האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען.

די חתונה איז געווען ניט פיעל שפּעטער. ווארום דער חתן־בחור איז עפּעס ארומגעגאנגען צופיעל פערטראכט. האט דער בתולה'ס שוועסטער אן עצה געגעבען אז דער בעסטער מיטעל איהם אום צו הייען פון דיזע פערטראכטקייט, איז וואס שנעלער צו שטעלען א חופּה.

פיעלע באסעס, וועלכע האבען ניט זיין פארזעסענע קרובים און קרובות, האבען גלאט א מאניע צו זיין שדכנים. ארבייט איינער אדער איינע ביי זיי א לענגערע צייט, קענען זיי ניט איינרוהען ביז זיי געפינען ניט פאר איהם אדער איהר א שדוך.

ביי אנדערע באסעס איז שדכנות א מין "כפּרה". זיי ווילען ווייזען, אז זיי קענען פאר'שדכנ'ען זייערע אן ארבייטער אדער ארבייטערין און לאזען זיך זאגאר קאסטען נעלד דערויף, ווען זיי געלינגט דאס. ווייזען זיי אז מיט שטאָלץ: „זעהסט, איך האב זיי חתונה געמאכט!" זיי זיינען איבערצייגט, אז דערפאר קומט זיי כאטש א מאנומענט.

היינט ווער האט עס אויסגעקלעהרט, אז די באסעס זיינען שלעכטע מענשען?

א רעגירונגס קאנסיל אנשטאט א שטאדט ראטה

קאפּענהאגען סעפּ. 2

די "בערלינער קרייז צייטונג" מעלדעט אז אין ווארשא איז עטאבלירט געווארען א רעגירונגס קאנסיל אנשטאט דעם פּוילישען שטאאט ראטה וועלכער איז ביז אהער געווען.

דער נייער קאנסיל באשטעהט פון פּרינץ רובעניירקי אלס פּרעזיצענדער. גענעראל נימענטאווסקי און דער בישאפּ פון ווארשא.

זיי דריי מעלדעט די צייטונג וועלען איבערנעהמען די גאנצע רעגיערונג איבער ווארשא און אומגעגענד און וועלען האבען צו זאגען איבער אלעס און אלעמען.

נארוועגיען בלייבט אהן שפּייז

קאפּענהאגען סעפּ. 2

דער "סאציאל דעמאקראט", וועלכע ערשיינט אין קריסטיאנא מעלדעט, גאנץ פרייה אז אין גאנצען לאנד געפינט זיך בלויז שפּייז פאר איין מאנאט און די אויסזיכטען פאר אן אימפּארט זענען זעהר שלעכטע און פאלגליך פאדערט די צייטונג אז די רעגיערונג זאל קאנפעסקירען אלע פּריוואטע סטאקס זאל איבערנעהמען דעם אימפּארט און עקספּארט אונטער איהר קאנטראל און זאל אנפאנגען צוטהיילען שפּייז צו די איינוואהנער.

גענוג געליטען.

קלמן. — דו זאגסט דו ווילסט דיך גט'ן מיט דיין ווייב, פערגעס ניט אז דו האסט מיט איהר איבערגעלעבט מעהר ווי האלבען יאהרהונדערט

זלמן. — נו און דאס הייסט ביי דיר ווייניג געליטען?

ווארום ער פערזאמט קריאת שמע.

א בחור וועלכער איז געווען זעהר פרום און פלעגט יעדען טאג קומען דאווענען זעהר פריה האט חתונה געהאט. נאך דער חתונה פלעגט ער שוין קומען שפּעט צום דאווענען און מאנכעס מאל גאר נאכ'ן דאווענען. האט דער שמש פון שוהל געזאגט אויף איהם „צוליעב אהבה רבה פערזאמט ער קריאת שמע."

מילינערי און קעפּמייקער אויפמערזאם

אלע ארבייטער פון דער מילינערי און קעפּ טרייד זיינען אויפגעפאדערט ניט צו געהן נאכפרעגען אויף ארבייט ביי

די טאראנטא העט קא.

257—59 ארעלייד סט

ווייל די העט מייקער יוניאן לאקאל האט דארט א סטרייק ערקלעהרט!

אכטונגספאל,

דזשוינט באארד לאקאל 46 און 41

11707—9—4

שנה טובה

קארטען

געפרינטעט מיט אייער נאמען

קריעגט איהר יעצט געמאכט

אין דעם אידישען זשורנאל

253 קווין סטריט וועסט

מיר האבען אריינגעקראגען א זעהר שעהנעס אויסוואהל פון לשנה טובה קארדס פון די שעהנסטע דעזיינס און בעסטע קוואליטע וועלכע מיר וועלען פרינטען פיר אייך מיט אייער נאמען צו פאלגענדע רעדוצירטע פרייזען:

25 לשנה טובות	-	50 סענט
50 " "	-	75 "
100 " "	-	$1.00

ארדערט יעצט ווייל עס איז געבליבען א קורצע צייט ביז יום טוב.

אויך אלע סארטען דזשאב ארבייט אלעס וואס עס בעלאנגט צו פּרינטינג מאכען מיר צו די ביליגסטע פּרייזען און אין צייט אטענדעט.

אפען יעדען אבענד ביז 10 אוהר

מיט אכטונג,

די דזשורנאל פרעס

א. גאלד, מענעדזשער

253 קווין וועסט - טעל. אד. 3967

רעזידענץ: 132 יוראן סטריט, טעל. קאלעדזש 6877

LOEW'S

לאעוו'ס יאנג סטריט טהעאטער

בעקסיטס רעזערווירט.

אונאונטערבראכען

12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג

נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט.

אבענד 10 סענט 15 סענטס און 25 ס.

מאן 8800 — הויי קלאס — וואדעוויל.

בווירט האלערד דער מאן פון אינדיענע — נעקסטע וואך — די הופערס ארטיסטישע הופ ראלערס

א זיפציגערד מענשליכע פאטא דראמא, "די פיידזש מיסטערי" מיט קארלייל בלעקוועל און דזשון עלווידזש — די דאריס לעסטער טריא שטעלען פאר "א ווינטעל וואס בלאזט"

ווען און קערי עווררי "אין א נאכט פאנטער" — די פיער מעניגג שוועסטער הויפט הארמאניע

טיילאר און האווערד אין א קאמעדיע שפּיעל "אפיסער נומ. 6678" — האווערד און ראס אין א מאדערנער מוזיקאלישע שאפונג.

לעצטע קאמעדיע פילם. — ווינטער גארדען אפען בלויז אין אבענד.

פ. דייוויס פון 167 עגנעס סטריט

ווינשט אלע אידען פון טאראנטא א גוט יאהר

געהט ניט אין די גרויסע דעפּארטמענטס, וואו איהר צאהלט אייער געלד פאר גאר ניט. נאר קומט צו פ. דייוויס וועלכער האט א סטאק פון דיא בעסטע און סטיילישע באים סוטס און גוירלס קאוטס, ספּעציעלע פרייזען פאר ימים טובים, ביליג און בעסטע וואראס.

קומט אריין מיט אייערע קינדער וועט איהר זיי שעהן אנטהאן פון די בעסטע קליידער.

מ. העלער

176½ קווין סט. וועסט

טאראנטא



נייעס פאר אידען!

איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויפ'ן פלאץ, חתונה רינגען, געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם ביליגסטען פרייז.

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוויייט, 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעניוויייט.

וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספּרינגס 40 סענט, הער־ספּרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעפּס 50 סענט מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי ניי פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפּאסט צו אייערע אויגען 98 סענט. מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם ביליגסטען פרייז.

נאטיס צום טאראנטאר פּובליק

פאלגענדע בעקער באסעס האבען אבגעבראכען דעם אגרימענט מיט דער בעקער יוניאן.

ע. פערלמוטער 175 באלדווין סטריט

סעם גאלדשטיין 32 וואלטאן סטריט

מיר בעטען אלעמען צו נעהמען דאס אין אנבעטראכט און פאדערען ברויט מיט'ן יוניאן לייבעל.

ארדערט אייערע קוילען ביי

יאנעזווער בראדערס

טעלעפאן מיין 6886

וואו איהר בעקומט בלויז ראדזשערס קויהלען מיט ראדזשערס טיקעטס טעל. 104 פארקאמענט

ארדערט יעצט ווייל נאכהער וועט זיין צו שפעט.

וואלערשטיינ'ס לאנטש רום

דער שעהנסטער און בעקוועמסטער פלאץ אין טאראנטא. פרישע און געשמאקע עסענס צו יעדער צייט. אלע סארטען דעליקאטעסען צו נעהמען אהיים. נישט פערגעסט.

א. וואלערשטיין 332 ספעדיינא עוועניו

מיר מאכען אייערע אלטע קליידער ניי

ל. ווהייט און סאנס

בעסטע אידישע קלינערס, פארבע רס און פרעסערס.

270 קווין סט. וועסט טעלעפאן אדלייד 2015.

פעקטארי 135 וויליאם סט. טעלעפאן אדלייד 1673

ייי תשרענטען פול דרעס סוטס סילק העטס פיר חתונות אונד בעלער.

EATON'S COAL

The Very best, order now Phone College 1036

איטאנ'ס קויהלען

די בעסטע אין מארקעט גאראנטירען יעדען טאן

נאטיס צו אונזערע קאסטימער ארדער'ט יעצט

טעלעפאן קאלעדזש 1036

סטארקיפער און פעדלער

מיר האבען ערשט ערהאלטען א גרויסע צאהל מענערישע זאקען און אויך פרויען זאקען פון די וועבערייען וועלכע זענען נאך געקויפט געווארען לעצטענס יאהר. די פרייזען און קוואליטעט איז ניט צו איבערשטייגען אין קיין פלאץ. אויך א גרויסען שיפּמענט פון רעגענמאנטלען, אונטערוועש, העמדער, הויזען אוועראלס און שעהנע לײדיעס לינען וואל און סילק בלאוזעס. פּרובירט אונז איידער איהר נעהט ערגעץ אנדערש.

אייערע ערגעבענסטע

קאפּלאן און קאמפּ.

229 קווין סט. וועסט, טעל אדל. 8772

מאטענייס 10 און 15 סענט.

HIPPODROME

אוונט 10, 15, 25 סענט

די וואך פון מאנטאג דעם 3־טען סעפ.

הויפּט אנציהונג

גלעדיס יוהלעט

אין דער אינטערעסאנטער פאטא פליי

"די קענדי גורל"

עס ווערט געוויזען די רעפארמירונג פון א מאן דאס בילד ווערט געוויזען 1.55, 5.15 און 8.15 נאכמיטאג

"דער מאנטען עלאהא"

"האווערער מעלאדיען"

הארמאן מיין ווהייט

זינגענדיגע קאמעדיענס.

ארטהור לאיד

א לאנדאנער קונצענמאכער

עדווארד זעלער טריא "אין די ברייני" מאריע ספעראי "א זינג פיינעלע" ענעטה קרייטאן און קאמפּ. די ענדע פון א פערפעקטען טאג. די פאטהע נייעס, און "העם און באד" קאמעדיע.

אויפמערקזאם: שבת נאכמיטאג זענען אלע פלעצער אין פארקועט 25 סענט.

CANADIAN PACIFIC

פלאנט אייער וואקיישאן טריפ יעצט

פאינט אן באריל

מאסקאקא לייקס

קאווארטהא לייקס

לייק מאזינאו

פרענטש און

פיקערעל ריווערס

רידעאו לייקס

סעווערן ריווער

ווענען אנגענעהמע זומער פלעצער און ווערען לייכט דערגרייכט דורך דער סי. פי. ר.

פאר ווינניפעג און וואנקואווער

פערלאזט טאראנטא 6.40 נ. מ. טעגליך דורך „דער פיאָנער וועג".

איינצעלהייטען פון קענעדיען פאסיפיק טיקעט איידזשענטס אדער ו. ב. האווארד דיסטריקט פאסאזשיר אגענט טאראנטא אנט.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087

ווארט ניט לאנג, טעלעפאנירט גלייך

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY. - 10 TERAULEY ST

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט

341 באטהורסט סט.

(נעגען ארטהור סטריט).

טעל. קאלידזש 5720

איהר קענט יעדען טאג באקומען דעם „אידישען זשורנאל“ אין די פאלגענדע פלעצער

גרענט 126 דעניסאן עוועניו

ל. סעלענקא 78 ארטהור סטריט

מ. גינזבערג, 276 ספעדיינא עוו.

גודמאן, קארנער משעטנאט און קווין סט.

וואלערשטיין. 332 ספעדיינא

הערמאן — 167 עגנעס סטריט

פריעדמאן, קענזינגטאן עוו.

הימעל. 78 קענזינגטאן

גאלדשטיין 29 דזשעראר וועסט

הערצוויץ, 98 אבערן עוו.

יודקין, 465 קווין סט. וועסט

מארקאוויטש, קארנער לואיזא און טעראלי סטריט.

מארין 1 מיטשעל עוו.

פרענקיל 380 קווין סט. איסט

ראטהוועל, 50½ ארטהור סטריט.

קופער, 103 בראנזוויק עוו.

האפמאן, 339 ספעדיינא עוו.

זאקהיים, 71 ראנדעס סט.

קריימער 277 מענינג עוו.

סאסקין, 132 נעסאו סטריט.

סטארס וועלכע ווילען פארקויפען דעם „אידישען זשורנאל“ זאלען זיך מעלדען אין אפיס.